ב"ה

## קונטרס

# לחג השבועות

## כתה ז׳ ח׳

י"ל ע"י

**ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר**

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

בניו ישעי׳ זאב לעוו

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

# הקדמה

## די ריכטיגע באדייט פון קבלת התורה

דער קומענדיגער יו"ט וואס מיר ערווארטן מיט פריידיגע געפילן ווערט אנגערופן אין די תורה הקדושה עטליכע מאל מיט'ן נאמען **חג השבועות**, די אנדערע ימים טובים געפינען מיר נישט אז דער יו"ט זאל טראגן אזא סארט נאמען, ביי פסח איז דאס צוליב דעם וואס השי"ת האט איבערגעהיפט, סוכות צוליב די סוכות וואס אידן האבן דאן געמאכט, אבער שבועות איז צוליב די זיבן וואכן ספירה וואס מיר האבן נארוואס געציילט, פארוואס האט די תוה"ק אנגערופן דעם יו"ט מיט אזא זאך וואס מיר האבן איצט דורכגעפירט?

נאר די ערקלערונג דערפון איז אז דאס קומט וויזן פאר אונז די ריכטיגע אפטייטש פונעם יו"ט שבועות, דער זמן פון קבלת התורה, אז קבלת התורה ווערט נישט ריכטיג פארפולקאמט נאר ווען מ'פארוואנדלט די תורה אין אן אייגענעם קנין, ווי די לשון המשנה טוט אנדייטן דערויף, התורה "נקנית" במ"ח דברים, ווי דער דובנע מגיד האט דאס ערקלערט מיט א משל, א גרויסער עושר האט געשטעלט א פארוואלטער אויף זיינע פארמעגן, ער דרייט זיך ארום אין די אוצרות פון זיין בעל הבית, ער קען זיך פונקטליך אויס ווי יעדע זאך ליגט, ער קען זיך אפשר נאך בעסער אויס פון זיין אייגענעם בעל הבית אבער דאך איז דאס נישט זיין אייגענטום, די גאנצע פארמעגן וועלכער ער קען זיך אזוי גוט אויס, באלאנגט נישט פאר אים, אנדערש איז דער בעה"ב וואס ווייסט אז דאס איז זיינ'ס און מ'קען עס פון אים נישט אוועקנעמען.

די זעלבע איז ביי קבלת התורה, פארהאן "ידיעת התורה" און פארהאן "קנין התורה". ס'איז דא אזעלכע וואס קענען די תורה אבער דאס איז נישט זייער תורה ווייל די תורה לערנט זיי נישט, זיי האבן קיין שייכות נישט מיט די תורה וואס זיי לערנען, די תורה און זייער אויפירונג איז אין קעגנגעזעץ, ווי חז"ל זאגן אז ס'שטייט אין פסוק כי אם "בתורת ה'" חפצו, און דערנאך שטייט "ובתורתו" יהגה יומם ולילה, ווייל נאכ'ן לערנען דארף דאס ווערן אן אייגענעם אייגנטום, דאס איז די ריכטיגע באדייט פון קבלת התורה.

כדי צו געבן א גוטן ביישפיל איז פאסיג אראפצוברענגן צוויי אינטערעסאנטע גמרות, די גמ' דערציילט (גיטין ז') מר עוקבא האט געשיקט א שאלה צו ר' אלעזר: די מענטשן וואס טוען מיר אן יסורים, זיי דערגייען מיר די יארן, און איך האב די מעגליכקייט זיי איבערצוגעבן פאר'ן מלכות וואס זאל איך טאן מיט זיי? האט ער אים מרמז געווען אין א פסוק אז ער זאל דאס נישט טאן. האט ער ווידער געשיקט א שאלה אז ער האלט עס פשוט נישט אויס פון זיי וואס זאל ער טאן? האט ער צוריק געשיקט זיי מתפלל צו השי"ת און ער וועט שוין אלעס טאן פון דיינעט וועגן, אזוי ווי ר' אלעזר האט דאס געזאגט האט נישט לאנג גענומען און מ'האט דעם חברה-מאן מיט'ן נאמען גנובא איינגעשפארט אין די געפערליכסטע תפיסה מיט דעם ערגסטן פארברעכער.

ווער איז געווען אט דער גנובא וואס האט אזוי מצער געווען מר עוקבא? אט האבן מיר א גמרא

אביסל ווייטער (גיטין ס"ב) די גמ' דערציילט רב הונא און רב חוסדא זענען געזעסן און געלערנט איז אנגעקומען גנובא האט זיך איינער אנגערופן: לאמיר זיך אויפשטעלן פאר זיין כבוד, וויל ער איז א שטארקער בן תורה. האט זיך דער צווייטער אנגערופן: פאר אים וועל איך מיך נישט אויפשטעלן, ער קריגט אויף די חכמים, ער איז מצער אונזער אב בית דין מר עוקבא. אזוי ווי גנובא איז נענטער געקומען האט ער זיי באגריסט "שלום עליך מלכים", און די גמ' שמועסט אויס באריכות פון ווי ער האט גענומען דעם אויסדריק "שלום עליך מלכים", מ'האט אים געוואלט מכבד זיין מיט עסן, האט ער זיך אנטזאגט ערקלערנדיג אז ער האט נאכנישט געשפייזט זיין בהמה און מ'טאר פארדעם נישט עסן.

עס שפילט זיך פאר אונז אפ א מערקווירדיגן בילד, פון איין זייט איז דער גנובא א שטארקער תלמוד חכם, מ'וויל זיך אפילו אויפשטעלן פאר אים, מ'שמועסט אויס פון ווי ער נעמט טיטלין, און דא שפארט מען אים איין אלס א פארברעכער, דער "תלמיד חכם" גנובא, איז דער גרעסטער רודף פון דעם אב ב"ד מר עוקבא, היאך יתקיימו שניהם, דא רעדט מען דאך פון דעם זעלבן מענטש?

אבער דער ערקלערונג דערויף איז ווי דערמאנט. ער האט טאקע געקענט לערנען, ער האט געהאט ברייטע ידיעות התורה. אבער ער האט נישט קונה געווען די תורה. ער האט זיך נישט געפירט ווי די תורה פארלאנגט, דערפאר האט ער טראץ זיינע שטארקע ידיעות התורה געענדיגט זיין לעבן אין א פינסטערן תפיסה.

אט טאקע צוליב דעם האט השי"ת געווארט עטליכע יארן נאך יציאת מצרים און נאך 50 טאג זיך ריינגן געגעבן די תורה פאר די אידן, וויל ער האט געוואלט אז מ'זאל טאקע זיין גרייט צו קבלת התורה, נאך אזא שווערן גלות מצרים קען מען נישט קונה זיין אין זיך די תורה. ער האט געוואלט געבן די תורה מיט א צוועק און ציל אז מ'זאל טאקע וועלן מקיים זיין וואס די תורה זאגט, נישט בלויז זיך צוהערן און קענען לערנען און טאקע דערפאר ווערט די יו"ט אנגערופן "שבועות"-וואכן, וויל דער עיקר קבלת התורה איז בלויז מיט צוגרייטונג און הכנה דרבה פון פארדעם וואס דער נאמען פון יו"ט "שבועות" סימבאליזירט דאס.

וויאזוי איז מען זוכה דערצו? - די וועג צוצוקומען צו דעם איז ווי שטארק מ'ווארט און מ'גלוסט מקבל צו זיין די תורה, דער טעם פארוואס מ'ציילט 7 וואכן ספירה איז נאר צוליב דעם וויל מיר ווילן מיט דעם ארויסווייזן אז "מיר ציילן שוין די טעג" און מיר ווילן מיט'ן גרעסטן ווילן מקבל זיין די תורה, ווי דער ספר החינוך איז דאס מסביר ביי מצות ספירת העומר.

מיר קענען זיך דאס לערנען פון דעם וואס מיר געפונען אז יהושע בן נון איז אויסדערוועלט געווארן אלס דער ממלא מקום נאך זיין רבי'ן משה רבינו ע"ה, טראצדעם וואס ס'איז געווען גרעסערע אידן ביי כלל ישראל, ווי דער רמב"ן ערקלערט אז די תורה רעכנט אויס די סדר המרגלים לויט זייער חשיבות, און דארט איז יהושע אויסגערעכנט אלס דער פינפטער און נישט דער ערשטער וואס דאס ווייזט אז ס'איז געווען חשובער'ס פון אים, דאך האט מען אים אויסגעקליבן וויל ער איז געווען א סימבאל פון א ריכטיגער מנהיג ישראל ווי די פסוק זאגט אויף אים (במדבר כ"ז) **איש אשר רוח בו**, טייטש דארט דער ספורנו אז ער האט געהאט א שטארקער ווילן און רצון זוכה צו זיין צו חכמת ה' און תורת ה' דאס האט אים צוגעברענגט אז ער האט טאקע זוכה געווען צו כתר מלכות.

# קונטרס לשבועות

די געטריישאפט פון יושע טרעפן מיר ווען ער האט גאנצע פערציג טעג אפגעווארט זיין רבי'ן משה רבינו ע"ה, טראצדעם וואס ער האט געוויסט אז משה רבינו וועט נישט אראפקומען פאר פערציג טעג, מיט דעם אלעם האט ער אים אפגעווארט די גאנצע צייט, ווייל מעגליך אז ער וועט אפשר אראפקומען אינדערמיט, דאס מיינט געטריישאפט און חשק צו היטן אויף די כבוד פון משה רבינו וואס האט איבערגעגעבן די תורה פאר די אידישע קינדער.

מיט דעם יסוד ערקלערן די חכמי מוסר דאס וואס די גמ' דערציילט (ברכות כ"ח) אז רבן גמליאל דער נשיא האט ארויסגעגעבן א געזעץ נישט איינצולאזן אין ביהמ"ד נאר דער וואס איז תוכו כברו, פון וואו האט מען געוויסט ווער ס'איז אמת'דיג תוכו כברו? נאר מ'האט געשטעלט א שמש וואס האט קיינעם נישט אריינגעלאזט, און דער וואס איז אמת'דיג געווען תוכו כברו, ער האט טאקע געוואלט לערנען איז אנגעקומען אין ביהמ"ד, מיט דעם האט רבן גמליאל געוויזן אז זוכה זיין צו לימוד התורה איז נישט מעגליך בלויז מיט די הקדמה פון אהבת התורה און חשק צו לערנען תורה.

מ'דערציילט נאך אז דער גאון ר' אייזיל חריף ז"ל פון די גרעסטע גאונים אין יענע צייטן געקומען קיין וואלאזינער ישיבה זוכן א בחור פאר זיין טאכטער, ער האט אויסגערופן א קשיא אין די ישיבה ערקלערנדיג אז דער וואס וועט טרעפן א תירוץ דערויף וועט קענען ווערן זיין איידעם.

די גאנצע ישיבה האט זיך איבערגעדרייט ווער האט דען נישט געוואלט ווערן אן איידעם ביים גאון, יעדער האט פרובירט צופרידנצושטעלן דעם גאון מיט זיין תירוץ אבער אן ערפאלג קיינער איז דאס נישט געלונגען, און דער גאון האט זיך אויפגעשטעלט און אוועק געפארן פון די ישיבה.

נאך אייניגע קילאמעטער הערט ער ווי איינער לויפט אים נאך, דאס איז געווען א בחור וואס איז געלאפן מיט די לעצטע כוחות און געשריגן "**רבי רבי די תירוץ די תירוץ**" וואס האסט געטראפן א תירוץ? פרעגט דער גאון מיט פרייד, **ניין, איך וויל וויסן דעם ריכטיגן תירוץ אויף די קשיא, איך האב פשוט נישט קיין מנוחה אז איך וויס נישט די תירוץ!** דער פנים פון גאון האט אויפגעשיינט זאגנדיג: איך בין איבערצייגט אז דו וועסט זיין א גדול בישראל, אז דו ווילסט אזוי שטארק וויסן דעם תירוץ וועסטו ווערן מיין איידעם.

דאס אלעס לערנט איצט די ריכטיגע באדייט פון קבלת התורה אז מ'דארף קונה זיין אין זיך די תורה, וואס דאס קען נאר פארווירקליכט ווערן דורך דעם וואס מ'האט חשק צו פארשטיין די תורה און קענען דעם אויבערשטענ'ס רצון און דאס דורכפירן.

אין די טעג איז שטארק מסוגל צו בעטן דערויף און מתפלל צו זיין צום אבינו שבשמים דער נותן התורה, אז ובהם נהגה יומם ולילה, ער זאל אונז אריינגעבן חשק צום לערנען, מיר זאלן זוכה זיין צו באקומען א געשמאק אין לערנען ללמוד וללמד לשמור ולעשות, און זוכה זיין בקרוב צו ביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

**צבי ואיתרעו בן ומסר לן אורייתא**

# שמות יט - פרשת יתרו

<u>ראש חודש - א' סיון</u>

(א) בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי: (ב) וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים וַיָּבֹאוּ מִדְבַּר סִינַי וַיַּחֲנוּ בַּמִּדְבָּר וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר:

<u>ב' סיון</u>

(ג) וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל הָאֱלֹהִים וַיִּקְרָא אֵלָיו ה' מִן הָהָר לֵאמֹר כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל: (ד) אַתֶּם רְאִיתֶם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרָיִם וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי: (ה) וְעַתָּה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי וּשְׁמַרְתֶּם אֶת בְּרִיתִי וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים כִּי לִי כָּל הָאָרֶץ: (ו) וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: (ז) וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיִּקְרָא לְזִקְנֵי הָעָם וַיָּשֶׂם לִפְנֵיהֶם אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר צִוָּהוּ ה': (ח) וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה

<u>ג' סיון</u>

וַיָּשֶׁב מֹשֶׁה אֶת דִּבְרֵי הָעָם אֶל ה': (ט) וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם

<u>ד' סיון - מצות פרישה</u>

וַיַּגֵּד מֹשֶׁה אֶת דִּבְרֵי הָעָם אֶל יְהֹוָה: (י) וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֶל מֹשֶׁה לֵךְ אֶל הָעָם וְקִדַּשְׁתָּם הַיּוֹם וּמָחָר וְכִבְּסוּ שִׂמְלֹתָם: (יא) וְהָיוּ נְכֹנִים לַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי כִּי בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי יֵרֵד יְהֹוָה לְעֵינֵי כָל הָעָם עַל הַר סִינָי:

## מצות הגבלה - ג' סיון

(יב) וְהִגְבַּלְתָּ אֶת הָעָם סָבִיב לֵאמֹר הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר וּנְגֹעַ בְּקָצֵהוּ כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהָר מוֹת יוּמָת: (יג) לֹא תִגַּע בּוֹ יָד כִּי סָקוֹל יִסָּקֵל אוֹ יָרֹה יִיָּרֶה אִם בְּהֵמָה אִם אִישׁ לֹא יִחְיֶה בִּמְשֹׁךְ הַיֹּבֵל הֵמָּה יַעֲלוּ בָהָר:

## מצות פרישה - ד' סיון

(יד) וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם: (טו) וַיֹּאמֶר אֶל הָעָם הֱיוּ נְכֹנִים לִשְׁלֹשֶׁת יָמִים אַל תִּגְּשׁוּ אֶל אִשָּׁה:

## יום מתן תורתינו ו' או ז' סיון

(טז) וַיְהִי בַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי בִּהְיֹת הַבֹּקֶר וַיְהִי קֹלֹת וּבְרָקִים וְעָנָן כָּבֵד עַל הָהָר וְקֹל שֹׁפָר חָזָק מְאֹד וַיֶּחֱרַד כָּל הָעָם אֲשֶׁר בַּמַּחֲנֶה: (יז) וַיּוֹצֵא מֹשֶׁה אֶת הָעָם לִקְרַאת הָאֱלֹהִים מִן הַמַּחֲנֶה וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר: (יח) וְהַר סִינַי עָשַׁן כֻּלּוֹ מִפְּנֵי אֲשֶׁר יָרַד עָלָיו יְהֹוָה בָּאֵשׁ וַיַּעַל עֲשָׁנוֹ כְּעֶשֶׁן הַכִּבְשָׁן וַיֶּחֱרַד כָּל הָהָר מְאֹד: (יט) וַיְהִי קוֹל הַשֹּׁפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד מֹשֶׁה יְדַבֵּר וְהָאֱלֹהִים יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל: (כ) וַיֵּרֶד יְהֹוָה עַל הַר סִינַי אֶל רֹאשׁ הָהָר וַיִּקְרָא יְהֹוָה לְמֹשֶׁה אֶל רֹאשׁ הָהָר וַיַּעַל מֹשֶׁה: (כא) וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֶל מֹשֶׁה רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל יְהֹוָה לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב: (כב) וְגַם הַכֹּהֲנִים הַנִּגָּשִׁים אֶל יְהֹוָה יִתְקַדָּשׁוּ פֶּן יִפְרֹץ בָּהֶם יְהֹוָה: (כג) וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל יְהֹוָה לֹא יוּכַל הָעָם לַעֲלֹת אֶל הַר סִינָי כִּי אַתָּה הַעֵדֹתָה בָּנוּ לֵאמֹר הַגְבֵּל אֶת הָהָר וְקִדַּשְׁתּוֹ: (כד) וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהֹוָה לֶךְ רֵד וְעָלִיתָ אַתָּה וְאַהֲרֹן עִמָּךְ וְהַכֹּהֲנִים וְהָעָם אַל יֶהֶרְסוּ לַעֲלֹת אֶל יְהֹוָה פֶּן יִפְרָץ בָּם: (כה) וַיֵּרֶד מֹשֶׁה אֶל הָעָם וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם:

# קַבָּלַת התורה

## לויט די גמרא און מדרשים

**אָמַר הקב"ה לְיִשְׂרָאֵל בָּנַי הֱיוּ קוֹרִין אֶת הַפָּרָשָׁה זוּ בְּכָל שָׁנָה, וַאֲנִי מַעֲלֶה עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ אַתֶּם עוֹמְדִים לִפְנֵי הַר סִינַי, וּמְקַבְּלִים אֶת הַתּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינַי, אֵימָתַי בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי,** (ילקוט יתרו רמז רע"א - רע"ב)

אין יאר צוויי טויזענט, פיר הונדערט, אכט און פערציג, צו בריאת העולם איז די תורה געגעבן געווארן.[1]

אין דעם טאג ז׳ סיון,[2] אין שבת קודש,[3] גאנץ פרי איז געווען קולות וברקים און יעדע קול איז געווען אנדערש ווי די פריעדיגע [4] און א שטארקען קול פון א שופר,[5] און דאס איז געווען ווי א מודעה אז די שכינה איז אראפגעקומען,[6] די קולות זענען געווען באמת פון מלאכים וואס האבן געלויבט דעם אויבערשטען,[7] און די אידן זענען נאך דעמאלס געשלאפען און מ׳האט זיי געדארפט אויפוועקען,[8] און ווען די אידן האבן דערהערט די קולות, האט זיי אנגעכאפט א פחד און א שרעק,[9] אבער משה האט געשטארק׳ט זייער הארץ[10], און ער האט זיי ארויסגעפירט אקעגען דעם אויבערשטען,[11] און דער קול פונעם שופר איז געווארען שטערקער און שטערקער.[12]

11 עבודה זרה דף ט י"ב
2 לויט ר׳ יוסי וואס משה רבינו האט צוגעלייגט נאך א טאג
3 גמרא שבת דף פ"ו עמוד ב׳
4 מכילתא פ"ג
5 שמות י"ט. ר׳
6 ספר חיי עולם פי"ז
7 רבנו בחיי
8 מדרש רבה שיר השירים פרק א׳
9 שמות י"ט. י"ז,
10 רמב"ן שמות כ. ט"ו,
11 שמות י"ט.יט
12 שמות י"ט י"ז

די אידן האבן זיך געשטעלט אונטערן בארג סיני וואס איז געווען דורכזיכטיג ווי א גלאז, און דער בארג האט זיך אויסגעריסען און געשטעלט העכער די אידן,[13] און דעמאלס האבן די אידן מקבל געווען אויף זיך אז זיי גייען אויך איינהאלטען די תורה שבעל פה,[14] וואס ביז דעמאלס האבן זיי דאס נישט געוואלט, און זיי האבן מקבל געווען אז זייערע קינדער וועלען זיין ערבים,[15] און הערשט דערנאך איז די בארג צוריק אויף זיין פלאץ ווי פריער.

די אידן זענען ווייטער געשטאנען נעבען די בארג מענער און פרויען עקסטער,[16] און זענען דארט געשטאנען מיט א אימה און א פחד און א פארכט,[17] און שוין געווארט ווען דער אויבערשטער וועט אראפקומען אויף דער בארג סיני, און פלוצלינג איז דער בארג אליין דערציטערט געווארען און א רויך איז פון איר ארויסגעגאנגען ביזן הימל, און דער אויבערשטער איז אראפגעקומען אויפ׳ן בארג, און ס׳איז דארט געווען דריי מחיצות חושך, ענן, ערפל, און ס׳איז געווען זיבן מחיצות פון פייער, און די אידן זענען דארט געשטאנען רואיג און

13 תרגום יונתן בן עיזואל
14 מדרש תנחומא פרשת נח
15 מכילתא דרשב"י
16 עזר פרק מ"א
17 ברכות כ"ב

נישט מורא געהאט, און דער אויבערשטער האט אראפגעברענגט זעקס טויזענט מלכים אקעגען וויפיל אידן זענען געווען ביים אין מחנה ישראל,[18] און נאך צוויי און צוואנציג טויזענט מלכים, וואס זענען געווען נענטער צו די שכינה, אקעגען וויפיל אידן זענען געווען אין מחנה לויה,[19] און די אידן האבן געהאט די זכיה זיי צו זעהן, און דער אויבערשטער האט געזאגט פאר'ן בארג סיני זאל זיך אויברייטערען ווייל די מלאכים קומען אראפ, און אזוי איז טאקע געווען ס'איז געווארען ברייטער[20] די גאנצער ערד אונטער זיי האט געציטערט, און די בערג און אלעס האט דגע'רעשט, און די ביימער האבן זיך געבויגען,[21] און די מתים אין גריבער זענען געווארען לעבעדיג,[22] און די גרויסע בערג הר תבור און הר כרמל זענען אויך געקומען צו גיין,[23] אזוי אויך אלע בערג פון די וועלט האבן געהאלטען אין איין רודערען און גיין ארויך און אראפ, ביז דער אויבערשטער כביכול האט אויסגעשפרייט זיינע הענט און זיי האבן זיך בארואיגט.[24]

דערנאך האט דער אויבערשטער אויפגערודערט אלע זיינע מענטשען פון די וועלט,[25] און אלע פעלקער זענען געקומען צו לויפען פון שרעק,[26] און געלאפען צו זייער נביא בלעם און געפרעגט צו דער אויבערשטער וויל ברענגען א מבול אויף די וועלט, און ער האט זיי געענטפערט ניין! נאר ה' **עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן וכו'** - אז דער אויבערשטער געט די תורה פאר די אידן, און זיי זענען זיך צוגאנגען יעדער צו זיין הויז.[27]

פאר דער אויבערשטער האט געזאגט דער ערשטער דיבור האט ער שטיל געמאכט די גאנצע וועלט, א פייגעל האט נישט געשריגען, א עוף איז נישט געפלויגען, א אקס האט נישט געברימט, און אפילו די מלאכים האבן נישט געזאגט קיין שירה, און די ים איז נישט געלאפען, און קיין מענטש אויף די וועלט האט נישט גערעדט,[28] און די זון איז נישט געגאנגען,[29] נאר יעדער איז געווען שטיל און דאן האט דער אויבערשטער געזאגט דעם ערשטען דיבור "**אָנֹכִי ה' אֱלוֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם**". און די אידן האבן פון דעם געהערט צוויי דברות,[30] און פון שרעק זענען אלע געשטארבן,[31] איז די תורה אליין געגאנגען און געבעטען אז די אידן זאלען צוריק ווערן לעבעדיג,[32] האט דער אויבערשטער אראפגעברענגט א טל וואס גייט מאכן לעבעדיג ווען משיח וועט קומען, און די אידן זענען געווארען צוריק לעבעדיג,[33] און זיי האבן געבעטען אז משה רבינו זאל מיט זיי רעדען און נישט דער אויבערשטער ווייל זיי האבן מורא אז זיי וועלען נאכאמאל שטארבן,[34] אבער משה רבינו האט פון גרויס עניוות נישט געוואלט, אבער דער אויבערשטער האט געשיקט זיינע מלאכים מיכאל און גבריאל,[35] זיי האבן אנגעכאפט משה רבינו און צוגעברענגט צו די וואלקען ערפל, און ס'איז געווארען א וועג אין די וואלקען,[36] און ס'איז געווארען צוויי גרויסע מויערען פון ערפל און משה רבינו איז געגאנגען אינדערמיט,[37] און אנגעקומען

18 מדרש רבה שיר השירים פרק ד'
19 רבנו בחיי
20 פסיקתא דרב כהנא
21 מכילתא פרק ה'
22 פרקי דר' אליעזר פרק מ"ר
23 מסכת מגילה דף כ"ט
24 זוהר הקדוש פרשת יתרו דף פ"ד
25 ספרי פרשת וזאת הברכה
26 שם
27 מכילתא אנפאנג פרשת יתרו

28 מדרש רבה שמות פרק כ"ט
29 רבנו בחיי
30 אור החיים הקדוש (נישט יעדער האלט אזוי)
31 מדרש רבה שיר השירים פרק ו'
32 שם
33 מסכת שבת דף פ"ח
34 שמות כ. ט"ז,
35 פרקי דר' אליעזר פרק מ"א
36 מס' יומא דף ד'
37 מכילתא דרשב"י,

אריינציר פון אלע דריי מחיצות חושך ענן וערפל,[38] אלע אידן האבן געזעהן די אלע קולות און פלאמען, און משה רבינו גייט צו דארט ווי דער אויבערשטער איז געווען, און דער אויבערשטער האט געזאגט **משה! משה!** גיי און זאג פאר די אידן די תורה.[39]

אלע דיבורים וואס דער אויבערשטער האט געזאגט איז ארויס געקומען פון די רעכטע זייט פון אויבערשטען צו די לינקע זייט פון די אידן, און צוריק געגאנגען צום אויבערשטען,[40] אלע דיבורים האבן פון זיך אליין אריינגעקריצט אין די לוחות,[41] און יעדע דיבור האט גערעדט צו די אידן און געפרעגט "**ווילסטו מיך האלטען?**" און געזאגט אלע הלכות וואס איז דא אין די דיבור, און די אידן האבן געענטפערט **יא!**

די אידן האבן געקוקט אויף יעדען דיבור און געזעהן דערין אלע הלכות וואס ליגט אין זיי,[42] אלע סודות וואס ליגען דערין.[43]

דער קול האט זיך צוטיילט אין 70 קולות כדאי אויך די 70 פעלקער זאלען אלעס פארשטיין,[44] כדאי די גוים זאלען נישט קענען זאגן ווען מיר וואלטען ווען פארשטאנען וואס דער אויבערשטער זאגט וואלטען מיר אויך מקבל געווען די תורה.[45]

ביי יעדען דיבור איז די וועלט געווארען אנגעפולט מיט בשמים.[46]

ביי יעדען דיבור זענען די אידן געפלויגען אויף צוריק 12 מיל, און די מלאכי השרת האבן זיי צוריק געברענגט.[47]

די אידן זענען זייער מיד געווארען פונעם טאג, האט דער אויבערשטער ארויס גענומען א מין טל, וואס האט זיי געגעבען כח אויף ווייטער,[48] און אלע אידן זענען געווארען אויסגעהיילט פון זייערע פעלער'ס און קרענק ר"ל וואס זיי האבן געהאט,[49] און די חטא פון אדם הראשון איז געווארען אראפגעווישט פון יעדעם איינעם,[50] און זיי זענען געווארען פריי פון שיעבוד גליות,[51] און פון מלאך המות,[52] און די דור וואס איז דארט געווען איז שוין אייביג געבליבען ריין פון אלע טומאות, און ס'האט נישט שולט געווען אויף זיי קיין רמה ותולעה סיי ביי זייער לעבן און סיי ביי זייער טויט,[53] און ווי די **של"ה הקדוש** זאגט אויף זיי:

**אַשְׁרֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְאַשְׁרֵיהֶם בָּעוֹלָם הַבָּא, וַעֲלֵיהֶם הַכָּתוּב אוֹמֵר אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ.**

**עליונים ששו**

**ותחתונים עלזו**

**בקבלת תורה מסיני**

[38] רש"י שמות כ. י"ח,
[39] רמב"ם פ"ח מהל' יסודי התורה הל"א
[40] מדרש שיר השירים פרק א'
[41] תרגום יונתן בן עזואל פ"כ ב. רש"י תהילים כ"ט. ז,
[42] ספרי האזינו
[43] זוהר הקדוש
[44] זוהר הקדוש דף צ"ג
[45] מהרש"א שבת פ"ח ד"ה ה' יתן אומר
[46] שבת פ"ח

[47] שם
[48] תוספתא ערכין פ"א
[49] רש"י שבת דף קמ"ו
[50] שם
[51] מסכת עבודה זרה דף ה' ע"א
[52] שם
[53] פרקי דר' אליעזר פרק מ"א

# ווער האט נישט געוואלט די תורה?!

**וְזָרַח מִשֵּׂעִיר לָמוֹ הוֹפִיעַ מֵהַר פָּארָן**

**פירש רש"י: שפתח לבני שעיר שיקבלו את התורה ולא רצו. מהר פארן, שהלך לבני ישמעאל שיקבלוה, ולא רצו.** (פרשת וזאת הברכה)

אין **פרקי דר׳ אליעזר** (פרק מ"א) שטייט אז דער אויבערשטער איז געגאנגען צו אלע פעלקער און ער האט זיי געפרעגט צו זיי ווילען די תורה, האבן זיי געענטפערט, מיר קענען נישט איבערלאזן די וועגן וויאזוי אונזערע עלטערען האבן זיך געפירט, און בעסער געב די תורה פאר די אידן ווי עס שטייט אין פסוק **ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן**, אז דער אויבערשטער געט די תורה [וואס ווערט אנגערופען "עוז"] פאר זיין פאלק די אידישע קינדער.

אין **ספרי** (פרשת וזאת ברכה) שטייט ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבען די תורה פאר די אידן איז ער קודם געגאנגען צו די בני עשו, און זיי געפרעגט צו זיי ווילען מקבל זיין די תורה, האבן זיי געפרעגט וואס שטייט דארט? האט דער אויבערשטער געזאגט **"לא תרצח"**, האבן זיי געענטפערט אונזער גאנצע יחוס איז דאס מיר קענען הרגענען וועמען מיר ווילען, ווי ס׳שטייט אין פסוק וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה, און דאס ווילסטו פון אונז צו נעמען?

דער אויבערשטער איז געגאנגען צו די מענטשען פון עמון און מואב, און האט זיי געפרעגט צו זיי ווילען נעמען די תורה, האבן זיי אויך געפרעגט וואס שטייט דארט, האט דער אויבערשטער געענטפערט **"לא תנאף"**, האבן זיי געזאגט מיר זענען געווארען א פאלק נאר דורך זנות, אזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק אז לוט האט חתונה געהאט מיט זיינע צוויי טעכטער, און פון דעם איז ארויסגעקומען עמון און מואב, ממילא קענען מיר נישט נעמען אזא תורה.

איז דער אויבערשטער געגאנגען צו די מענטשען פון ישמעאל, און האט זיי געפרעגט צו זיי ווילען נעמען די תורה, האבן זיי אויך געפרעגט וואס שטייט דארט, האט דער אויבערשטער געענטפערט **"לא תגנוב"**, האבן זיי געענטפערט אונזער מעלה איז אז מיר זענען יא גנבים ווי ס׳שטייט ביי אונזער טאטען ישמעאל יָדוֹ בַּכֹּל - ער האט איבעראל דערגרייכט און געגאנבעט (ווי רש"י טייטש דארט לסטים - רויבער׳ס).

אזוי איז דער אויבערשטער געגאנגן פון איין פאלק צום צווייטען און יעדער האט אים געשיקט צו א צווייטען, ביז ער איז געגאנגען צו די אידן.

אין **זוהר הקדוש** שטייט דער אויבערשטער האט געלאזט רופען דעם ס"ם וואס ער איז די שר פון עשו, און אים געפרעגט, צו ער וויל די תורה האט ער געפרעגט וואס שטייט דארט? האט אים דער אויבערשטער געזאגט **"לֹא תִּרְצָח"** האט ער זיך געבעטען ביים אויבערשטען מיין גאנצע ממשלה וועט אונטער גיין ווייל איך גיי צוזאמען מיט׳ן מזל מאדים, און אזוי וועט עס נישט גיין, גיב די תורה פאר די אידן, האט אים דער אויבערשטער געבעטען עטליכע מאל דו ביסט דער בכור און דו דארפסט נעמען די תורה, האט ער ווייטער געזאגט איך האב שוין אויפגעגעבען מיין חלק בכורה, האט אים דער אויבערשטער געזאגט געב מיר עפעס א

עצה וויאזוי אונטערצוקויפען די אידן אז זיי זאלען יא וועלען די תורה? האט ער געענטפערט געב זיי פון ליכטיקייט פון דיינע אורות און זיי וועלען מסכים זיין, און איך וועל אפילו געבען פון מיין ליכטיקייט פאר זיי, האט אים דער אויבערשטער געזאגט דעמאלס געב קודם פון דיין אור וואס כ'האב דיר געגעבען, און אזוי איז טאקע געווען די ס"ם האט געגעבן פון זיין אור.

דערנאך איז דער אויבערשטער געגאנגען צום שר פון ישמעאל וואס ער הייסט רהב, און אים געבעטען צו נעמען די תורה, האט ער געפרעגט וואס שטייט אין די תורה? האט דער אויבערשטער געזאגט "**לֹא תִנְאָף**" - מ'טאר נישט חתונה האבן מיט זנות, האט ער אנגעהויבען צו שרייען אוי לי - ווי איז מיר צו נעמען אזא תורה, איך בין דאך געבענטש געווארען מיט די ברכה פון פרו ורבו און איך וועל מיך מערען, און יעצט אז איך טאר נישט חתונה האבן מיט געוויסע מענטשען, וועל איך מיך נישט קענען פארמערען, און ער האט זיך געבעטען רבוש"ע צוויי קינדער האט אברהם געהאט יצחק און ישמעאל, גיב די תורה פאר די קינדער פון יצחק, האט דער אויבערשטער געזאגט ניין! איך קען נישט ווייל דו ביסט דער בכור. האט ער געענטפערט, איך בין מסכים אוועק צו געבען דעם אור וואס די האסט מיר געגעבען אלס בכור, פאר די אידן, און אזוי האט טאקע דער אויבערשטער געטוהן, ער האט אוועקגענומען די אור און מיט דעם איז ער געגאנגען צו די אידן.

און דער זוהר הקדוש איז מסביר אז פון די אור וואס דער אויבערשטער האט צוגענומען פון עשו, וואס איז באוויסט אז ער האט די מדה פון רציחה, און האט עס געגעבען פאר די אידן, און די אידן ניצען עס ביים בית דין ווען ס'פעלט אויס ביי א רוצח, און די אור וואס ער האט גענומען פון ישמעאל וואס האט געהאט די ברכה זיך צו פארמערען, האבן עס די אידן באקומען און זיי טוען זיך פארמערען.

אזוי איז דער אויבערשטער געגאנגען פון איין פאלק צום צווייטן, און אלע האבן אוועקגעגעבן מתנות פאר די אידן, און מיט דעם טייטש דער **פלא יועץ** דעם פסוק אַף חֹבֵב עַמִּים כָּל קְדֹשָׁיו בְּיָדֶךָ, אז דער אויבערשטער האט ליב געהאט די גוים, און ער איז זיי געגאנגען פרעגען צו זיי ווילען די תורה, און דאס אלעס האט ער געטוהן ווייל כל קדושיו בידיך - אז ער זאך קומען צו גיין צו די אידן מיט מתנות אין די הענט.

און דער זוהר הקדוש ברענגט א משל, צו א דאקטער וואס האט געהאט זייער א גוטען מעדעצין, און ער האט מורא געהאט אז אזוי ווי ער האט אסאך שלעכטע קנעכט און אז זיי ועלען געוואויר ווערן פון דעם מעדעצין וועלען זיי אים הרג'נען, און צונעמען די מעדעצין, האט ער ארויף געלייגט אויף די מעדעצין א סם וואס מ'שטארבט דערפון, און ער איז געגאנגען צו זיינע קנעכט און מכבד געווען צו פארזוכען דערפון, אזוי ווי זיי האבן פארזוכט האבן זיי באלד געזעהן וואס זיי האבן דא געגעסען, האבן זיי געזאגט פאר זייער הער, יא! דאס איז זייער א גוטע עסן, און אזא גוטע זאך דארפסטו געבען פאר דיין זון, ווייל זיי האבן געטראכט אז זיי וועלן ירש'ענען דעם הער, און זיי האבן אפילו געזאגט אז זיי געבען אוועק פון זייער געהאלט, מ'זאל איבערעדען די זון צו נעמען דעם מעדעצין.

די נמשל איז, דער אויבערשטער האט געוואלט געבען די תורה פאר די אידן, אבער ער האט מורא געהאט אז די גוים וועלען מקנא זיין די אידן און זיי רודפ'ן, איז ער געגאנגען צו זיי קודם און אנגעטראגען די תורה, און ער האט זיי עס ביטער געמאכט, האבן זיי געזאגט געב עס פאר דיין זון, און מיר וועלען נאך צו געבען מתנות פאר זיי, און אזוי ארום האבן זיי נישט געטשעפעט מיט די אידן.

# רמזים וביאורים בעשרת הדברות

**דער חיד"א ברענגט אין נאמען פון תשב"ץ אז דערפאר הייסט עס עשרת "הדברות". און נישט עשרת הדברים, ווייל דברות איז בגימטריא 612, (מיט'ן כולל 613) א רמז אויף די תרי"ג מצות, וואס איז מרומז אין די עשרת הדברות.**

## דער ערשטער דיבור:
## אנכי ה' אלקיך

<u>דער אל"ף האט זיך בארואינט</u>

אין מדרש שטייט אז 26 דורות האט שוין די אות אל"ף געהאט טענות אז מ'האט אנגעפאנגען די תורה מיט א ב' ב'ראשית ברא, האט אים השי"ת געענטפערט זארג נישט דו ווערסט נאך אמאל ווערן באצאלט, און יעצט איז דאס מקוים געווארען ווען מ'האט אנגעפאנגען די עשרת הדברות מיט אן א' אנכי ה' אלוקיך.

<u>א אל"ף האט נישט קיין גלייכען</u>

ר' יוסי האט געזאגט א יעדע אות האט א גלייכען צו דעם ווי למשל ח' מיט ה' זעט אויס די זעלבע, ב - כ, ו - ז, און אזוי ווייטער, אבער א אל"ף האט נישט קיין גלייכען, וועגן דעם האט די אויבערשטער געזאגט די מצוה פון אמונה מיט א א' אז אזוי ווי די אות א' האט נישט קיין גלייכען האט דער אויבערשטער אויך נישט קיין גלייכען.

<u>אנכי איז א מצריש'ע שפראך</u>

ר' נחמי' האט געזאגט אז אנכי שטאמט פון די מצרי'שע שפראך, א משל צו א קעניג וואס זיין זון איז פארטריבען געווארען צווישען פאנגער'ס און ער האט זיך אויסגעלערנט די שפראך פון זיי האט זיין טאטע אנגעפאנגען קודם צו רעדען מיט אים די שפראך וואס ער איז געווען צוגעוואוינט, די זעלבע זאך האט פאסירט יעצט ווען די אידן זענען געווען אין מצרים האבן זיי זיך אויסגעלערנט די שפראך און אין זייער שפראך זאגט מען איך "אנוך", האט השי"ת אויך אנגעפאנגען מיט די ווארט אנכי וואס איז די לשון.

<u>דער סימן וואס יעקב האט געגעבען</u>

א ליבהאבער פון קעניג האט געהאלטען פאר'ן שטארבן האט ער געזאגט פאר זיינע קינדער איך וועל ענק זאגן א סימן וואס אויב איינער וועט ענק דאס זאגן וועט איר וויסען אז ער איז דער קעניג, דאס זעלביגע האט יעקב געזאגט פאר זיינע קינדער ווען ער האט געהאלטען פאר'ן שטארבן אז די סימן פון השי"ת איז די ווארט "אנכי, ווייל פאר מיין זיידען אברהם האט ער געזאגט "אנכי" מגן לך, פאר מיין טאטען יצחק "אנכי" אלוקי אברהם אביך, פאר מיר אליין "אנכי" האל בית אל, און די זעלבע אויב ער וועט קומען מיט די לשון וועט עטץ וויסען אז ער איז דאס, ווען דער אויבישטער האט געזאגט אנכי האבן זיי דערקענט אז דאס איז דער באשעפער.

<u>ראשי תיבות</u>

ר' יוחנן האט געזאגט אנכ"י איז ר"ת א'נא נ'פשאי כ'תבית י'הבית - דאס מיינט אז ווער עס לערנט די תורה גייט אין אים אריין א חלק פון כביכול.

<u>די אויבערשטער טרייסט די אידן</u>

ר׳ שמעון בר יוחאי האט געזאגט אז אנכי איז א לשון פון תנחומים – טרייסטען, ווי ס׳שטייט אין פסוק ״אנכי אנכי הוא מנחמכם״ אז א קעניג האט אמאל איבערגעלאזט די קעניגען פאר א לאנגע צייט און געפארען אין מדינת הים ווען ער איז שפעטער צוריק געקומען האט זי פארלאנגט פון אים אז ער זאל דאפלען איר כתובה און נאר אזוי גייט זי צוריק, די זעלבע זאך דא, זאגט השי״ת ביים בארג סיני האב איך נאר געזאגט איינמאל פאר ענק אנכי, אבער אין ירושלים וועל איך שוין זאגן צוויי מאל אנכי, ווי ס׳שטייט אין פסוק ״אנכי אנכי הוא מנחמכם״.

## דער צווייטער דיבור:
# לא תעשה לך פסל

<u>**אליין א פסל**</u>

איינער פון די צדיקים האט געטייטש דעם פסוק ״לא תעשה לך פסל״, לויט ווי מיר ווייסען אז ווען איינער טוט א עבירה ווערט די עבירה איינגעקריצט אויף זיין שטערן און ס׳נעמט ח״ו אראפ די צלם אלוקים, דאס זאגט די פסוק: **לא תעשה לך פסל** זאלסט נישט מאכן פון דיר אליין א פסל - א פאלטשע בילד אויף דיר, נאר וואס דען **וכל תמונה**, זאלסט בלייבן גאנץ מיט דיין געשטאלט.

<u>**א שטיקעל זוהר הקדוש**</u>

אין זוהר הקדוש שטייט אז איינער וואס זאגט אייגענע תורה וואס ער האט נישט מקבל געווען פון זיין רבי׳ן אויף אים זאגט דער פסוק ״לא תעשה לך פסל״, און ווען זיין נשמה וועט אריינקומען אין היכל וועט אים דער אויבערשטער ארויסווארפן ר״ל, ר׳ אבא האט געזאגט ס׳שטייט דא ״לא תעשה לך פסל״ און ס׳שטייט ״פסל לך שני לוחות אבנים״, דאס מיינט צו זאגן אז די זאלסט דיר נישט מאכן א אייגענע תורה.

<u>פוקד עון אבות</u>

דער אלשי״ך הקדוש טייטש אז פוקד איז פון לשון ולא ״יפקד״ ממנו איש - פעלען, און עון איז פון לשון יסורים ווי ס׳שטייט ימקו בעונם, און דער פשט איז: **פוקד** ער רעכנט אראפ, **עון אבות** דאס וואס די עלטערען האבן יסורים, **על בנים** פון זייערע קינדער אז זיי וועלן שוין נישט דארפען ליידען, אבער פארקערט אויב די טאטע באקומט שכר רעכנט מען דאס גארנישט אראפ און די קינדער און שפעטערע דורות קענען אויך באקומען.

<u>די ערשטע צוויי בלשון נוכח</u>

אין זוהר הקדוש שטייט אז די ערשטע צוויי דברות וואס דער אויבערשטער אליין האט געזאגט איז געשריבען אלעס בלשון נוכח ״הוצאתיך״ ״על פני״ וכו׳ ווייל דאס האט דער אויבערשטער גערעדט צו די אידן אליין, אבער די אנדערע דברות וואס ס׳איז געקומען דורך א שליח משה רבינו שטייט שוין בלשון נסתר ״לא תשא את שם ה׳״ און ס׳שטייט נישט שמי, ווייל דאס איז געווען דורך א שליח.

<u>מסירות נפש</u>

אין מכילתא שטייט **לאוהבי** - דאס איז אברהם וואס ער איז די ליבהאבער פונעם אויבערשטען, **ולשומרי מצוותי** - דאס איז די אידן וואס זענען מקיים די מצוות מיט מסירות נפש און

זענען זיך מקריב פאר השי״ת, די באקומען א גרויס שכר דערפאר.

## דער דריטער דיבור:
# לא תשא

**די וועלט ציטערט**

די גמרא זאגט בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט די דיבור "לא תשא" האט די גאנצע וועלט געציטערט פון שרעק, זאגט דער גמרא ווייל ביי קיין איין פלאץ שטייט נישט "לא ינקה" נאר דא וואס דאס מיינט אז השי״ת וועט נישט מוחל זיין, און ווי די גמרא פירט אויס אז ביי סתם א עבירה שטראפט מען נאר אים, אבער ביי א פאלשע שבועה שטראפט מען אויך די גאנצע וועלט.

**די עונש פון א פאלשע שבועה בשוגג**

די גמרא פארציילט אז א פרוי האט אמאל געבאקען א קיכעל און בטעות איז אריינגעפאלען אין די טייג צוויי דינרים, איר מאן איז אהיים געקומען און איר געפרעגט ווי דאס געלט איז, האט זי נישט געוויסט און געגאנגען פרעגען אירע שכנים צו זיי ווייסען עפעס דערפון, ווען זיי האבן געזאגט אז זיי ווייסען נישט האט זי געשוואוירען אז דער וואס האט עס, זאל באגראבען ר״ל אירע קינדער, שפעטער זענען אירע קינדער געשטארבען, דערנאך האט זי איינמאל אויפגעבראכען דעם טייגעל און געטראפען איר געלט דארט האט מען פארשטאנען פארוואס די קינדער זענען געשטארבען, ווען די חכמים האבן געהערט די מעשה האבן זיי געזאגט אז פון דא זעהט מען אז א שבועה טאר מען נישט נוצען סיי בשוגג און סיי במזיד.

**מ'שווערט מיט שופרות**

אין די גמרא שטייט אמר ר' סימון פארוואס ווען מ'הייסט איינעם ביי בי״ד שווערן בלאזט מען מיט שופרות?, האט ער גענטפערט אז מ'זאל זיך לערנען פון די שופרות, אזוי ווי א שופר קומט קודם אנגעפולט מיט ביינער און דערנאך ליידיגט מען עס אויס און ס'ווערט הויל פון אינעווענדיג, דאס זעלביגע וועט זיין מיט איינעם וואס שווערט פאלש ער וועט ווערן ליידיג פון זיין פארמעגען.

**שארפע ווערטער פון אבן עזרא**

דער אבן עזרא זאגט אסאך מענטשען טראכטען אז די עבירה פון שווערן איז א גרינגע עבירה, דער אמת איז אבער אז דאס איז נאך הארבער ווי אלע עבירות, ווייל די אלע עבירות פון רציחה און ניאוף קען מען נישט עובר זיין כסדר, אבער די עבירה פון שבועת שוא ווער עס געוויינט זיך דערצו איז דאס עובר כסדר, ווייל ווען מ'פרעגט אים, האסט געשוואוירען, זאגט ער איך שווער אז נישט, "און ווען ס'וואלט נאר געווען די עבירה ביי אידן איז שוין גענוג א עבירה פארוואס די גלות איז אזוי לאנג" ווייל ס'איז א גרויסע חילול השם...

**וואס מיינט שבועת שוא?**

די חכמים זאגן אז אלע שבועות גייט אריין בכלל שבועת שוא, למשל איינער וואס מאכט א ברכה לבטלה, אדער ער זאגט ארויס די נאמען פון השי״ת אומזיסט, איינער וואס זאגט שבחים פאר השי״ת מער ווי די נביאים האבן געמאכט, אדער ווער ס'הערט ווי מ'דערמאט די נאמען פון השי״ת אומזיסט און ער איז נישט מוחה.

**ביים בענטשען - ברויט אויפן טיש**

אין זוהר הקדוש שטייט אז איינער וואס ביים בענטשען האט נישט קיין ברויט אויפן טיש נאר די טיש איז ליידיג גייט אויך אריין אין די לאו לא תשא את שם השם לשוא - לריק, אויף א ליידיגע טיש ביים בענטשען.

## דער פערטער דיבור:
# זכור את יום השבת לקדשו

**זכור מיט וויין**

פון די ווארט זכור לערנען די חכמים ארויס אז מ׳דארף מאכן קידוש מיט וויין שבת ביינאכט, ווייל מיר געפונען (הושע יד) די פסוק זאגט זכרו ״כיין״ לבנון, זעה איך אז די לשון זכור ניצט מען ביי וויין, ס׳איז דא א מחלוקה אין מס׳ נזיר צווישן רש״י און תוס׳ צי דאס איז א דארייתא אבער א דרבנן.

**מצות עשה דאורייתא**

ר׳ יהודה בן בתירה האט געזאגט פון ווי ווייס איך אז ווען איינער ציילט די טעג פון די וואך דארף ער ציילען צו שבת, ״ראשון בשבת״ און אזוי ווייטער, פון די ווארט זכור זעט מען אז א גאנצע וואך דארף מען געדענקען אז ס׳איז דא א שבת, נישט ווי גוים וואס ציילען אנדערש.

**נישט טראכטען שבת**

דער טור ברענגט (סימן ש״ו) א מדרש **ועשית כל מלאכתך**, פרעגט דער מדרש ווי קען מען דען אין 6 טעג מאכן די גאנצע מלאכה? נאר א מענטש דארף זיך אין שבת פארשטעלען ווי די גאנצע מלאכה איז שוין געטוהן, און ער זאל גארנישט טראכטען פון זיין ארבעט אין שבת. און ער ברענגט א מעשה פון א חסיד וואס ס׳האט זיך ביי אים אין פעלד צובראכען די צוים און ער האט עס באמערקט אין שבת און געטראכט עס צו פארעכטען, נאר אזוי ווי ער האט געטראכט אזא מחשבה האט ער עס שוין מער קיינמאל נישט פאראכטען, האט ער באקומען שכר און ס׳איז אים ארויס געוואקסען א בוים מיט׳ן נאמען ״צלף״ און פון דעם האט ער מיט זיינע אלע קינדער געהאט פרנסה אלע זיינע טעג בזכות השבת.

**שבת איז א פּאַר מיט די אידן**

ר׳ שמעון בר יוחאי האט פארגעלענט אז דער שבת איז געקומען פאר׳ן אויבערשטען און געפרעגט אז אלע טעג האבן א פָּאַר זונטאג - מאנטיג, אאו״ו, נאר איך האב נישט קיין פָּאַר, האט השי״ת געזאגט כנסת ישראל וועט זיין דיין פאר, יעצט ווען ס׳איז געקומען צו מתן תורה האט דער אויבערשטער געזאגט: געדענקט איך האב צוגעזאגט פאר׳ן שבת אז איר זענט זיין פָּאַר.

**די שכר פון כבוד שבת**

אין מדרש ווערט פארציילט ר׳ ישמעאל האט געפרעגט רבי פארוואס האבן די בני סוריא אזויפיל גוט׳ס? האט ער אים געענטפערט אין זכות פון האלטען שבת. האט ר׳ חייא פארציילט איינמאל האט מיך איינער פון לודקיא איינגעלאדענט האב איך געזעהן ווי מ׳שלעפט פאר אים 24 בעטן פיל מיט זילבער און גאלד, און ס׳איז געווען דארט אלע ערליי עסענווארג פון די גאנצע וועלט, און צוויי קינדער זענען געשטאנען און געזאגט די פסוקים ״לה׳ הארץ ומלואה״, ״לי

הכסף ולי הזהב נאום ה׳״ כדאי ער זאל זיך נישט גרויס האלטען מיט די געלט, האב איך אים געפרעגט פון ווי ער האט באקומען אזויפיל געלט, האט ער געענטפערט ווייל איך האב געגעבען כבוד פאר שבת און אלע פעטע בהמות וואס איך האב געהאט האב איך אוועק געלייגט אויף שבת.

<u>זכור את יום השבת לקדשו</u>

**במה אתה מקדשו - במאכל ובמשתה ובכסות נקייה, שלא יהא סעודתך בשבת כסעודתך בחול,** שבת קודש דארף אלעס אנדערש אויסזעהן.

## דער פינפטער דיבור:

# כבד את אביך ואת אמך

<u>נאר טאטע - מאמע</u>

דער אור החיים הקדוש ברענגט אז מיר זעהן אז השי״ת האט נישט געהייסען געבען כבוד נישט פאר קיין נשיא אדער מלך און אפילו נישט פאר אים אליין, נאר פאר טאטע - מאמע, און אפילו דאס אז מ׳דארף געבען פאר אים כבוד שטייט אויך נישט אין פסוק נאר אין משלי שטייט ״כבד את ה׳ מהונך״, אבער פאר טאטע - מאמע שטייט נישט נאר סתם אין די תורה, נאר טאקע ממש אין די עשרת הדברות, דאס ווייזט ווי וויכטיג די מצוה פון כיבוד אב ואם איז.

<u>כבוד מיט א שיינע וועג</u>

די גמרא ברענגט (קידושין) אז ס׳קען זיין איינער וואס הייסט זיין טאטע׳ן ארבעטען און ער איז זוכה לחיי עולם הבא, און ס׳קען זיין איינער וואס געט עסן פאר זיין טאטע׳ן די בעסטע עופות פלייש און ער פארטרייבט זיך פון חיי עולם הבא. ברענגט רש״י דארט א מעשה פון ירושלמי אויף דעם, אז ס׳איז געווען איינער וואס ס׳איז געקומען א באפעל פון קעניג אז זיין טאטע דארף גיין ארבעטען פאר׳ן קעניג ביטערע שווערע ארבעט, האט ער געזאגט פאר זיין טאטע: דו בלייב דא ארבעטען מיט׳ן מילשטיין און איך וועל גיין אנשטאט דיר צום קעניג ארבעטען, כאטשיג ער האט געהייסען זיין טאטע׳ן ארבעטען איז ער זוכה לחיי העולם הבא, ווייל ער האט למעשה מכבד געווען זיין טאטע, אבער ס׳איז געווען איינער וואס האט געגעבען יעדען טאג גוטע עופות פלייש פאר זיין טאטע, איינמאל האט אים זיין טאטע געפרעגט פון וואו נעמסטו די פלייש? האט ער געזאגט פאר׳ן טאטע: וואס גייט דיר אן פון ווי איך נעם עס, דו עס און פארטיג, אזא איינער איז פארקערט ער ווערט פארטריבען פון עולם הבא, קומט אויס אז כיבוד אב ואם ווענדט זיך וויאזוי ער איז מכבד זיין טאטע - מאמע, אויך ביי עשו געפונען מיר אויך אז ער האט אנגעטון די טייערע מלבושים ווען ער איז געגאנגען מכבד זיין טאטען יצחק אבינו.

<u>ספר החינוך (מצוה כ״ז)</u>

דער חינוך וואס ער איז געווען א ראשון זאגט אז ס׳איז ראוי פאר א מענטש ער זאל מכיר טובה זיין פאר די וואס האבן מיט אים געטוהן א טובה, און ער זאל נישט זיין א נער און א כפוי טובה, ווייל דאס איז א מורא׳דיגע שלעכטע און א מיאוס׳ע מדה פאר׳ן אויבערשטען און פאר מענטשען, און ער זאל אריינטראכטען און פארשטיין אז נאר דורך זיין טאטע - מאמע איז ער אראפגעקומען אויף די וועלט, און וועגן דעם דארף ער זיי פרובירען צו טוהן וואס ער קען נאר,

און ווען ער וועט דאס גוט פארשטיין און זיך איינגעוואוינען מיט דעם, וועט ער אריינטראכטען אז קל וחומר מ׳דארף געבען כבוד פאר׳ן אויבערשטען וואס ער געט אים אלעס, און ווען נישט השי״ת געט אים שכל וואלט ער געווען ווי א בהמה.

## דער זעקסטער דיבור:
# לא תרצח

**די פגם פון רציחה**

אין מכילתא שטייט אז אנכי מיט **לא תרצח** איז געשטאנען איינס קעגען די אנדערע ווייל איינער וואס איז נישט נזהר אין רציחה רעכענט אויף אים די פסוק אזוי ווי ער האט שוואך געמאכט די כח פון כביכול דער אויבערשטער. א משל צו א קעניג וואס האט אויפגעשטעלט אין שטאט אזעלכע סטאטועס פון זיין פנים, און איינער האט עס צווארפען, האט ער מיט דעם שוואך געמאכט דעם קעניג, די זעלבע זאך איז מיט איינעם וואס איז עובר אויף רציחה, ווייל אין פסוק שטייט אז א מענטש ווערט געבוירען מיט׳ן צלם אלוקים, און ממילא ווען איינער הארגעט איינעם מאכט ער שוואך כביכול דעם באשעפער ח״ו.

**די שארפע עונש לעתיד לבוא**

אין מדרש שטייט אז לעתיד לבוא וועט דו נרצח אויפשטיין און וועט בעטען השי״ת דו האסט מיך באשאפען, געשפייזט, און דער רוצח איז געגאנגען און ער האט מיך גע׳הרג׳ט, נעם נקמה פאר מיין בלוט וואס ער האט פארגאסען, וועט השי״ת ווערן אין כעס און וועט יענעם רוצח אריינלייגען אין גיהינם אריין, און דער נרצח וועט צוזעהן די נקמה.

**״לא״ און נישט ״אל״**

מיר זעהן אז אין פסוק שטייט נישט אל תרצח נאר **לא תרצח**, דאס קומט ווייזן אז דער פסוק וויל נישט נאָר זאגן אז מ׳טאר נישט הארגענען, נאר די פסוק וויל זאגן אז מ׳זאל נישט טוהן אזעלכע זאכן וואס ברענגען צו צי רציחה.

**א קָמַץ און א פַּתַח**

דער **ווילנער גאון** איז מדייק אז בציבור ליינט מען תרצח מיט א קמץ און ביחידות ליינט מען מיט א פתח, זאגט ער לויט די גמרא אין מס׳ עבודה זרה וואס דרשענט די פסוק ״כי רבים חללים הפילה״ אז דאס מיינט איינער וואס איז נאכנישט געקומען צו די מדריגה פון קענען פסקענען און ער פסקענט יא,און ״ועצומים כל הרוגיה״ מיינט איינער וואס קען יא פאסקענען און ער האלט זיך צוריק. קומט אויס אז ס׳איז דא צוויי ערליי עבירות, איינער וואס דארף יא רעדען און ער רעדט נישט, און איינער וואס דארף נישט רעדען און ער רעדט יא, און קמ״ץ איז מרמז אויף צוזאם געצויגען, און פתח איז טייטש אפען, דאס ווייזט אז ס׳איז דא א עבירה פון אפען מויל און א עבירה פון א צוגעמאכט מויל אוןביידע איז א שאלה פון רציחה - לא תרצָח.

**נאך א פשט**

א ענליכע פשט שטייט, ווייל ס׳איז דא צוויי מיני רציחות, איינס איז ממש הארגענען און ס׳גיסט בלוט, און איינס איז די עבירה פון הלבנת פנים, די חילוק צווישען די צוויי איז ווייל די עבירה פון רציחה ממש איז אפילו ביחידות אויך, אבער די עבירה פון הלבנת פנים איז נאר **מלבין פני חבירו ברבים**, איז במילא ווען מ׳ליינט בציבור זאגט מען מיט א קמ״ץ וואס דאס איז

טייטש צוזאם נעמען וואס דאס מיינט פארשעמען יענעם און די בלוט לויפט צוזאם אין פנים, און דאס איז נאר ברבים, אבער די אנדרע ענין פון רציחה איז פת״ח אז די בלוט לויפט אפענערהייט, דאס איז אפילו ביחידות דערפאר ליינט מען מיט א פתח ביחיד.

## דער זיבעטער דיבור:
# לא תנאף

__די הארבקייט פון שמירת עינים__

דער בני יששכר אין זיין הייליג ספר דרך פקודיך איז מאריך בנועם שיח און שיינע מוסר רייד וועגן די הארבע עבירה פון שמירת עינים וואס גייט אריין אין די לאו פון **לא תנאף**, און ער זאגט אז א מענטש דארף מתפלל זיין צו השי״ת אז ער זאל ניצול ווערן פון ראיות אסורות, ווייל די ראיה פון א מענטש איז נישט ברשות האדם, ווייל אין איין מינוט קען ער ח״ו זעהן נישט גוטע זאכן, אבער אויב מען בעט פון השי״ת איז דא דער כלל פון **נאמן בעל מלאכתנו שישלם** אז השי״ת באצאלט דערפאר און היט אפ.

__ס׳איז נישט קיין פרומע זאך__

ער ברענגט ווייטער ס׳איז דא מענטשען וואס מיינען אז ס׳איז נישט מער ווי א חסידות זיך צו היטן די אויגען, וויסען זאלסטו וויסען אז ס׳איז א איסור דאורייתא און א בפירוש׳ע פסוק **ולא תתירו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם** און אפילו א מענטש וואס קלערט אז ס׳וועט אים גארנישט שאטען האט אבער סיי ווי סיי עובר געווען אויף א איסור מן התורה.

__א מעשה שהיה__

דער בני יששכר ברענגט ווייטער, איך וועל דיר פארציילען וואס מיין חבר הרב המפורסם בקדושתו **ר׳ משה סופר מ׳פשעווארסק זי״ע** האט מיר געזאגט, ער איז אמאל געפארען אין א שטאט און איז איינגעשטאנען אין א גאסט הויז, האבן זיך דארט צוזאם געקומען חסידים וואס האבן געוואלט הערען ענינים אין עבודות השם, איז דארט געווען איינער א עושר פון בראד וואס האט גערעדט זייער ברייט און געזאגט: איך וויל אייך עפעס פרעגען, אויב איר וועט ענטפערן איז גוט, אז נישט איז א סימן אז איר זענט א באנדע בלאפער! האט מען אים געהייסען פרעגען, האט ער פארציילט אז אמאל איז געווען ביי אים אין שטאט דער ערשטער ר׳ משה מ׳פשעווארסק ז״ל (זיין זיידע) און ער האט געהאט אסאך חסידים, און איך האב מיך באטראכט אז איך וועל אויך גיין צו אים, אזוי ווי איך בין אריינגעקומען האט ער זיך אנגערופען אז יעצט איז אריינגעקומען א מענטש וואס איז עובר אויף **לא תנאף**, און איך ווייס ביי מיר אז איך האב נאך קיינמאל נישט עובר געווען אויף די לאו, וואס איז פשט אין די ווערטער?

פארציילט ווייטער ר׳ משה סופר פאר׳ן בני יששכר: איך האב געבעטען פון השי״ת אז ער זאל מיר ווייזן די ריכטיגע תירוץ פאר דעם מענטש, און איך האב געפענט א גמרא און פונקט געפענט א מאמר חז״ל וועגן ראיות אסורות, האב איך אים געזאגט אז אינטערוועגענס גייענדיג צו מיין זיידען האסטו געקוקט אויף פרעמדע נשים און זיך מטמא געווען די אויגען, איז אריין אין דיר א פגם פון די לאו פון לא תנאף, און דערפאר האט ער געזאגט אז איר האט עובר געווען אויף לא תנאף.

**ענפים פון די עבירה**

מיר געפונען אין די גמרא אז איינער וואס האלט זיך גרויס איז ווי גלייך ער איז עובר אויף לא תנאף, אויך ווען איינער גייט אריין אין די פרנסה פון זיין חבר איז גלייך ווי ער האט עובר געווען אויף די לאו.

## דער אכטער דיבור:
# לא תגנוב

**וואס גניבה איז גורם**

אין זוהר הקדוש שטייט אז ביי די לוחות איז געווען **לא תגנוב** געשריבען אקעגען **לא תשא את שם אלוקיך לשוא**, ווייל דער וואס איז נישט געווארענט אין גניבה, דער וועט שווערן פאלש אויך אויף די גניבות.

**זיבן סארט גנבים**

דער ערשטער אין די ריי איז ווען איינער איז גונב דעת חבירו, און ער מאכט זיך גוט צו יענעם, דער צווייטער איז ווער ס׳פעלשט אין מאס און די וואג, דער דריטער איז ווער ס׳גנבעט א נפש מישראל וואס ער איז זיך מחייב בנפשו, דער פערטער איז ווער ס׳איז א שותף מיט׳ן גנב און צוטיילט זיך מיט אים, דער פיפטער איז דער וואס דארף ווערן פארקויפט פאר א עבד וועגן זיין גניבה, דער זעקסטער איז ווער ס׳גנבעט פון א גנב, און דער זיבעטער איז ווער ס׳גנבעט אויף צוריק צוגעבען.

**בלשון יחיד**

דער ווילנער גאון ז״ל האט מדייק געווען אז דא שטייט **לא תגנוב** בלשון יחיד און אין פרשת קדושים שטייט **לא תגנובו** בלשון רבים, האט ער פארענטפערט אז דא רעדט מען פון גונב נפשות און דאס איז דא זייער ווייניג דעריבער שטייט עס בלשון יחיד, אבער אין קדושים רעדט מען פון א גונב ממון און דאס איז ליידער דא אסאך.

**וכל העם רואים את הקולות – בדרך צחות**

שטייט אין ספרים א טעם פארוואס ס׳האט אויסגעפעלט אז מ׳זאל זעהן די קולות, ווייל ביי לא תגנוב וואלט ווען איינער געקענט זאגן אז ס׳מיינט ״לו״ תגנוב אז מ׳זאל ח״ו יא גנב׳נען דערפאר האט מען געזעהן אז מ׳זאגט ״לא״ תגנוב מ׳טאר נישט.

**זיבן מדות טובות לערנט מען פון א גנב**

פון הרה״ק ר׳ משה לייב מסאסוב זי״ע שטייט אז ס׳איז דא זיבן זאכן וואס מ׳לערנט ארויס פון א גנב, און מ׳קען עס אויסנוצען צו יראת שמים:

1) **ער ארבעט נאר ביינאכט ווען קיינער זעהט נישט**, די זעלבע דארף מען טוהן פאר׳ן אויבערשטען אלעס באהאלטערנערהייט.

2) **יעדע נאכט נוצט ער אויס און לאזט נישט איבער קיין איין נאכט**, די זעלבע דארף מען אויסנוצען יעדען נאכט צו תורה און יראת שמים.

3) **וואס ער קען טוהן טוט ער צו האבן ווי מער געלט**, די זעלבע איז מיט תורה ווי מער מ׳קען אריינכאפען.

4) **נישט אויסזאגן קיין סודות**, די זעלבע דארף מען אלעס האלטען ביי זיך נישט אלעס זאגן.

5) נישט מודה זיין פאר קיינעם און זיך נישט לאזען אפילו מיט יסורים, די זעלבע טאר מען זיך קיינמאל נישט לאזען פון יצר הרע.

6) נישט זאגן לשון הרע אויף זיינע חברים און שותפים, די זעלבע טאר מען נישט זאגן שלעכט'ס אויף א אנדערע איד.

7) אלעס וואס ער האט זיך אנגעפלאגט קען ער פארלירען אין איין מינוט, די זעלבע זאך אלעס וואס מ'פלאגט זיך אן קען מען ח"ו פארלירען מיט גרויסע עבירות ר"ל.

**מענין לענין באותו ענין**

אויך האט ער געזאגט אז מ'קען פון א קינד זיך ארויס לערנען דריי זאכן:

1) ער זיצט קיינמאל נישט ליידיג.

2) ווען ער דארף עפעס וויינט ער.

3) ווען ער באקומט די זאך וואס ער דארף פריידט ער זיך תיכף ומיד.

## דער נײַנטער דיבור:
# לא תענה

**אקעגען שבת**

אין זוהר הקדוש שטייט אז די לאו פון **לא תענה** איז אקעגען **שבת קודש** אין די לוחות, ווייל א מענטש וואס היט שבת זאגט עדות אז השי"ת האט באשאפען די וועלט, ווי ס'שטייט אין די גמרא אויף איינעם וואס זאגט **ויכלו** (און וועגן דעם זאגט מען ויכלו שטייענדיגערהייט אזוי ווי עדות זאגן).

**די עונש פון פאלטש עדות זאגן**

אין גמרא שטייט ווער ס'רעדט לשון הרע און זאגט עדות שקר איז ראוי מ'זאל אים ווארפען פאר די הונט, ווייל אין פסוק שטייט **לכלב תשלוכין אותו** און נעבען דעם שטייט **לא תשא שמע שָׁוְא**.

**וואס מיינט אלם לא תענה**

דער חיד"א שרייבט אז ס'איז דא זאכן וואס גייט אריין אין דעם לאו פון **לא תענה**, ווי **מוציא שם רע**, און איינער פארשפרייט אויף איינעם אז ער איז נישט א עושר, און איינער וואס ליינט קריאת שמע אן די תפילין, וואס די גמרא זאגט אז דאס איז ווי א מעיד עדות שקר.

**א מעשה שהיה**

צום **ווילנער גאון** ז"ל איז געקומען א איד מיט א געוויין אז מ'האט אויסגעטראכט א בילבול אז ער האט געטון א גרויסע עבירה און מ'האט געדינגען פאלשע עדות און זיי ווילען נישט צוריק ציען, און ער בעט דעם גר"א אז ער זאל אים ארויסהעלפען, האט דער גר"א געלאזט רופען די צוויי עדות און זיי אויסגעפרעגט, דערנאך האט ער ארויסגעשיקט איינעם פון שטוב און אים אויסגעפרעגט זיין עדות און אים ארויסגעשיקט און אריינגערופען דעם צווייטען און אויסגעפרעגט, דערנאך האט ער ביידע אריינגערופען און געשריגען: זייט אייך שוין מודה, איר זענט שקרנים, און מסביר געווען פון ווי ער ווייסט, ווייל זיי זאגן אלעס פונקטליך די זעלבע זאך אויף די האר איז א סימן אז ס'איז אפגעשמועסט, און ער האט געברענט ראיות דערצו פון א גמרא און אזוי איז געפסקענט אין שו"ע.

<u>אין דעם איז תלוי די תורה</u>

דער בנ"י אין זיין ספר דרך פקודך ברענגט א מורא'דיגע זאך אז ווער ס'איז עובר אויף איין זאך פון די תורה איז ער פסול לעדות און ער קען נישט מקיים זיין די לאו פון לא תענה, און ער מוז נאכמאל מגולגל ווערן כדאי צו קענען מקיים זיין די לאו.

<u>קען נישט ליינען קר"ש</u>

נאך שרייבט ער אז אין די לאו שטייט אויך אז ווען איינער איז א בעל עבירה ל"ע איז די קריאת שמע וואס ער ליינט, נישט קיין קר"ש, ווייל קר"ש איז אזוי ווי א עדות און ער איז פסול לעדות.

<u>דריי טעמים אין די מצוה</u>

**אין דרך פקודיך שטייט דריי טעמים אויף דעם לאו:**

א) ווייל טאמער וועט מען מעגן זאגן עדות מיט ליגענט וועט דאס גורם זיין רציחות און גזילה ווייל מ'וועט זיך ארויסדרייען מיט עדות שקר.

ב) דער מהר"מ הבבלי לייגט צו א טעם ווייל דאס איז ווי כפירה, ווייל מיר ווייסען אז הקב"ה שטייט ביי א דין תורה ווי ס'שטייט אין פסוק **אלוקים נצב בעדת א-ל**, און אז ער קען דארט זאגן ליגענט איז ער א כופר בעיקר ווייל ער גלייבט נישט אז השי"ת איז דארט.

ג) נאך זאגט ער, ווייל די אויבערשטער האט אלעס באשאפען מיט אמת ווי זיין זיגעל איז, און אז ער רעדט מיט ליגענט באשאפט ער אזא זאך וואס דער אויבערשטער האט נישט געמאכט איז ער ווי א עבודה זרה ר"ל.

## דער צענטער דיבור:
# לא תחמוד

<u>די באקאנטע קשיא פון אבן עזרא</u>

ווי קען די תורה אנזאגן אז מ'זאל נישט גלוסטען, דאס איז א זאך וואס ווענדט זיך אין הארץ, און ווי קען מען דאס אנזאגן פאר א מענטש אז ער זאל נישט גלוסטען ווען ער זעהט א שיינע זאך?

דער **בני יששכר** שרייבט אז די איסור איז טאקע נישט צוטראכטען, ווייל דאס קען מען נישט אנווארענען, נאר ער דארף פראבירען נישט צו לאנג אריינטראכטען אין די מחשבה.

ענטפערט דער **אבן עזרא** מיט א משל: ווען א דארפסמאן זעהט א בת מלך וועט ער נישט וועלן מיט איר חתונה האבן ווייל ער ווייסט ער קען נישט דערגרייכען דערצו, די זעלבע זאך איז ווען א מענטש טראכט אריין און גלייבט אז אלעס וואס איז אים באשערט באקומט ער סיי ווי סיי, און וואס נישט, באקומט ער נישט, וועט ער נישט גלוסטען צו א פרעמדענ'ס זאכן, ווייל ער ווייסט ער קען נישט דערגרייכען דערצו, ווייל ס'איז אים נישט באשערט, במילא דארף זיך א מענטש פרייען מיט זין חלק און נישט גלוסטען פון יענעם.

<u>דער בריסקער רב'ס תירוץ</u>

א משל צו א מענטש וואס האט אים אנגעכאפט א גלוסטעניש צו א עבירה, און ער האט אנגעפאנגען נאכצולויפען דערנאך, אינמיטן

איז אנגעקומען א טייך וואס איז געווען פארפרוירען, איז ער דארט ארויפגעגאנגען און ווייטער געלאפען נאך זיין תאווה, אינמיטן האט די אייז זיך אנגעפאנגען צוברעכען און ער איז שיעור אריינגעפאלען, אין יענע רגע וואס ער האט זיך אזוי דערשראקען איז זיין גאנצע תאווה אויסגערינען פון שרעק. די זעלבע זאך ווען א מענטש האט מורא פון א עבירה איז די שרעק אליין דארף אוועקנעמען די תאווה, ווייל ער ווייסט אז דאס איז א עבירה און ווי קען ער עס עובר זיין, לויט דעם איז פאר ענטפערט די קשיא פון אבן עזרא.

<u>פרעמדע געלט</u>

דער יהודי הקדוש פון פרשיסחא זאגט אז די פסוק האט צוזאם געשטעלט צוויי איסורים **לא תחמוד אשת רעך** און **לא תחמוד בית רעך**, צוזאגן אז פונקט ווי מיט א פרעמדע פרוי טאר מען זיך נישט מייחד זיין, די זעלבע מיט פרעמדע געלט טאר מען זיך נישט מייחד זיין, און מ׳דארף נזהר זיין דערין זייער שטארק.

<u>די ספק פונעם בני יששכר</u>

דער **בני יששכר** קלערט אריין אין זיין ספר **דרך פקודיך** צו די לאו פון **לא תחמוד** מיינט נאר אז מ׳טאר נישט גלוסטען יענעמ׳ס א חפץ, אבער מ׳מעג ווען אליין האבן אזא מין זאך, אדער קען זיין פשט איז אז מ׳טאר אפילו נישט ווען האבן אזא מין ענליכע זאך ווייל יענער האט עס.

און ער איז פושט אזוי ווי די צווייט׳ע וועג אז מ׳טאר גארנישט גלוסטען, און ער ברענגט עס בפירוש פון א **זוהר הקדוש** וואס איז מדייק אז אין פסוק שטייט איבעראל צווישען די **לא** א פסיק, צו ווייזן אז אמאל מעג מען עס יא, אבער **לא תחמוד** טאר מען קיינמאל נישט, ממילא שטייט נישט א פסיק, ווייל דאס איז אייביג פארבאטען.

אויסער ביי לימוד התורה מעג מען יא ווי מיר ווייסען קנאת סופרים תרבה חכמה אז די קנאה פון תלמידי חכמים ברענגט נאך תורה.

# אשר לרעך - ז׳ מצוות דרבנן

אין די עשרת הדברות ביז ״אשר לרעך״ איז דא 613 אותיות ווי די תרי״ג מצוות,

און אין ״אשר לרעך״ איז מרומז די ז׳ מצוות דרבנן ווי פאלגענד:

| | | | |
|---|---|---|---|
| א׳ | א׳ורה (נר חנוכה) | ר׳ | ר׳חיצה (נטילת ידים) |
| ש׳ | ש׳בת (נר שבת) | ע׳ | ע׳ירובין |
| ר׳ | ר׳נה (קריאת ההלל) | ך׳ | כ׳ברכותיך (ברכת הודאה וברכת המזון) |
| ל׳ | ל׳קריאה (קריאת מגילה בפורים) | | |

# די גאלדענע קייט

## פון אַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה - בִּיז'ן שׁוּלְחָן עָרוּךְ

### פון אברהם אבינו ביז משה רבינו
**2.000 יאר לבריאת העולם.**

אברהם אבינו איז אלט געווען 52 יאר, און ער האט אנגעהויבען צו פארשפרייטען די אמונה פון אויבערשטען, ווען ער איז אלט געווען 100 יאר האט ער געהאט זיין זון יצחק, און ער האט אים איבערגעבען סודות התורה, און דערנאך איז געבוירען יעקב וועלכער האט געשטעלט שבט לוי פון אלע זיינע קינדער צו באדינען דעם אויבערשטען, שפעטער (238 יאר נאך דעם וואס אברהם האט אנגעפאנגען צו פארשפרייטען די אמונה), איז מען אראפ אויף מצרים, וואס איז געווען זייער א שמוציג לאנד, און זייער אסאך אידן האבן ליידער געדינט עבודה זרה, אויסער שבט לוי וואס האט קיינמאל נישט געדינט עבודה זרה, אזוי זענען די אידן דארט געווען 210 יאר, ביז דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט און ארויסגעצויגען פון מצרים, אין יאר 2.449 יאר צו בריאת העולם, און אריינגעשיקט די אידן אין מדבר ווי דארט האבן זיי מקבל געווען די תורה.

### ווען איז די תורה באשאפן געווארן?

די תורה הקדושה איז איינס פון די זעקס זאכן וואס איז באשאפען געווארען פאר די וועלט, אין מדרש שטייט אז ר' אבא האט געזאגט אז די תורה איז נאך באשאפען געווארען נאך פאר די כסא הכבוד איז באשאפען געווארען, צוויי טויזענט יאר פאר די וועלט איז באשאפען געווארען איז שוין די תורה געווען באשאפען, און טאקע דערפאר ווערט די תורה אנגערופען "אומן", ווייל די תורה איז געווען פאר'ן אייבירשטען אזוי ווי א כלי אומנות, וואס א מייסטער האט כדי צומאכן עפעס, אזוי האט דער אויבערשטער געהאט די תורה, און מיט די תורה האט ער באשאפען די גאנצע וועלט.

### די בשורה טובה פון נתינת התורה
**2.447 לבריאת העולם**

א יאר פאר יציאת מצרים האט פאסירט די מעשה אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו משה רבינו ביים סנה, נאכדעם וואס ער האט געזעהן אז ער איז ראוי צו זיין די מנהיג ישראל צוליב די מעשה פון די שאף וואס ער איז נאכגעלאפן, און דעמאלס האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז ער גייט זיין די שליח ארויס צונעמען די אידן פון מצרים, און אויף די שאלה פון משה רבינו אין וואס פאר א זכות זיי גייען ארויס האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז אין דריי חדשים נאך יציאת מצרים וועט זיין די מעמד פון קבלת התורה, און אין די זכות וועט מען ארויסגיין פון מצרים, ס'האט זיך געצויגען נאך א יאר מיט מכות, און אין דריי יאר שפעטער ט"ו ניסן ב' אלפים תמ"ח איז מען ארויס פון מצרים.

### אין מרה - מצוות

מ'איז אריין אין א טרוקענע מדבר האט דער אויבערשטער צוגעזעהן זייערע מחלוקת, וואס זיי האבן דארט געהאט מיט משה רבינו איבער וואַסער, האט ער

זיי געגעבען דריי מצוות אז זאלען האבן עפעס מצוות איבער וואס עוסק צו זיין שַׁבָּת פָּרָה אֲדוּמָּה און לויט איין מאן דאמר כִּיבּוּד אָב און דִּינִים און אזוי זענען זיי ווייטער געגאנגען אין מדבר.

## מ׳קומט שוין אן צום בארג סיני - ר״ח סיון

**2.449 יאר לבריאת העולם**

ענדליך נאך אסאך מוטשענישען אין שווערן מדבר, (אין ילקוט שטייט אז דערפאר האט דער אויבערשטער געגעבען די תורה אין מדבר, צו ווייזן אז אזוי ווי א מדבר איז גרויס אן א שיעור, די זעלבע איז די תורה גרויס אן א שיעור) זענען די אידן אנגעקומען צום לאנג ערוווארטענעם בארג סיני, וואס זיי האבן שוין לאנג געווארט אנצוקומען, און ר״ח סיון זענען זיי אנגעקומען כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד (אין ילקוט שטייט אז דערפאר האט מען געווארט מיט מתן תורה ביז׳ן דריטען חודש, ווייל ביי א געפאנגענעם איז די הלכה אז מ׳דארף ווארטען דריי חדשים. און הערשט דערנאך מעג מען חתונה האבן, און אזוי ווי אידן זענען געווען געפאנגען אין מצרים, האט מען קודם געווארט דריי חדשים) מיט גרויס אחדות וואס דאס איז די "ערשטער" זאך צו קבלת התורה און אן אחדות גייט נישט גארנישט, (און דערפאר איז עס געגעבען געווארען אין דעם דריטען חודש, וואס איז די מזל תְּאוֹמִים, צו ווייזן אז מ׳דארף זיין ווי צווילינג - ברודער, צו זיין ווערט מקבל זיין די תורה) אבער ר״ח די ערשטען טאג האבן זיי גארנישט געלערנט צוליב די שווערע טירחא פון די וועג, (דער תפארת שלמה זאגט א רמז אז די ערשטע טאג האט מען אויסגעלערנט אז מ׳איז "גארנישט" ווייל די עיקר זאך איז ענוה נאר אזוי איז מען זוכה צו השראת השכינה).

## ב׳ סיון - יום המיוחס

וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל הָאֱלֹקִים, משה רבינו איז ארויף "פארטאג׳ס" ווי אייביג ווען ער איז ארויף צום אויבערשטען, (דער בני יששכר זאגט מיט דעם א רמז, אז ווען איינער וויל זוכה זיין לתורה, זאל ער אויפשטיין פארטאג׳ס) און דער אויבערשטער האט אים דעמאלטס געזאגט אז ער זאל גיין רעדען צו די פרויען און צו די מענער, און זיי פארציילען אז ער גייט זיי מאכן פאר "מיוחסים" מער פון אלע פעלקער, און אויך זאל ער זיי זאגן אז אנפאנג וועט טאקע זיין זייער שווער צו האלטען די תורה, אבער דערנאך וועט עס ווערן גרינגער, און משה איז טאקע געגאנגען צו די אידן און געזאגט די ווערטער, (אין פנים מאירות שטייט אז די דיבור פון משה האט זיך צוטיילט און יעדער האט עס געהערט לויט זיין עלטער און זיין פארשטאנד), און זיי האבן אים געענטפערט "כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה׳ נַעֲשֶׂה". (דער אור החיים הקדוש זאגט אז דא האבן זיי ארויסגעוויזן זייער אחדות, ווייל אלע האבן ממש אינאיינעם ארויס געזאגט דעם "נעשה").

## ג׳ סיון - יום א׳ משלשה ימי הגבלה

דעם דריטען טאג איז משה רבינו ווייטער ארויף פארטאג׳ס, און ער האט געזאגט פאר׳ן באשעפער אז די אידן זענען גרייט צו נעמען די תורה, אנדערש ווי אלע גוים וואס זיי האבן אפגעווארפען די תורה, און דעמאלסט האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז ער זאל מאכן א צוים ארום די בארג, (רש״י האלט אז דאס איז ממש געווען א צוים, און אזוי שטייט אויך אין תרגום יונתן בן עוזיאל, אבער אין רבנו בחיי שטייט אז ער האט סתם אוועק געפירט צוויי טויזענט איילען פון דעם בארג, אזוי ווי א תחום שבת) און ווענן דעם הייסט עס ימי "הַגְבָּלָה" ווייל דאס איז טייטש ארום נעמען מיט א צוים.

## ד׳ סיון - יום ב׳ משלשה ימי הגבלה

דעם פערטען טאג פארטאג׳ס איז משה רבינו ווייטער ארויף, און געזאגט אז די אידן האבן צוגעזאגט אז זיי וועלען נישט ארויף גיין אויפ׳ן בארג, און אויך אז זיי ווילען אז דער אויבערשטער אליין זאל געבען די תורה "רְצוֹנֵנוּ לִרְאוֹת אֶת מַלְכֵּנוּ" האט דעמאלס דער

אויבערשטער אנגעזאגט די מצוה פון פרישה, אז כדי זוכה צו זיין צו אזא מעמד דארף מען האבן צוויי טעג פון נאר קדושה וטהרה, און דער אויבערשטער האט שוין געמיינט אריין צורעכענען דעם היינטיגן טאג, אויך ד׳ סיון, און דער אויבערשטער האט געזאגט הֱיוּ נְכוֹנִים לְיוֹם הַשְּׁלִישִׁי דאס מיינט ו׳ סיון.

### משה רבינו האט צוגעלייגט נאך א טאג

אבער משה רבינו האט געטראכט אז די צוויי טעג פאנגען זיך נישט אן פון היינט ד׳ סיון, נאר ס׳פאנגט זיך אן פון מארגן ה׳ סיון און ו׳ סיון, און די תורה זאל מען ערשט געבען ז׳ סיון. די גמרא איז מסביר אז ער האט עס ארויס געלערנט ווייל פונקט ווי ה׳ סיון וועט זיין די פרישה סיי ביינאכט און סיי בייטאג, אזוי אויך דארף זיין ד׳ סיון, און דאס קען דאך שוין נישט זיין ווייל די אויבערשטער האט דאך אים עס געזאגט הערשט ד׳ סיון פארטאג׳ס, פעלט דאך שוין די נאכט וועגן דעם האט ער צוגעלייגט ו׳ סיון וואס דאס וועט שוין זיין מיט די נאכט אינאיינעם, (אין ספר תפארת שלמה שטייט אז ער האט געוואלט מיט דעם ווייזן די ענין פון צַדִּיק גּוֹזֵר וְהַקב״ה מְקַיֵּים, אז דער אויבערשטער הערט צו וואס צדיקים זאגן וועגן דעם האט דער אויבערשטער עס נישט צוגעלייגט, נאר אים געלאזט צולייגן. נאך א טעם שטייט אין בני יששכר ווייל משה רבינו האט געוואלט אז מתן תורה זאל אויסקומען דוקא אין שבת, וועגן אסאך טעמים וואס שטייט אין די ספרים, און דאס האט געדארפט זיין דורך משה רבינו׳ס הוספה, ווייל ער איז געווען די זיבעטער דור פון אברהם אבינו, און שבת איז דאך אויך זיבן, און ספירה איז אויך זיבן וואכן, און דערפאר הייסט טאקע דער יו״ט שבועות ווייל אלע הייליגע זאכן זענען מיט זיבן).

### ה׳ סיון יום ג׳ משלשה ימי הגבלה

יענעם פארטאג׳ס איז משה רבינו נישט ארויף געגאנגען נאר ער האט אויף געשטעלט א מזבח, און צוועלף מציבות פאר די צוועלף שבטים, און ער האט געשיקט די בכורים זאל׳ן מקריב זיין די קרבנות, און דאס בלוט האט א מלאך צוטיילט פונקט אין העלפט און העלפט, האט ער געשפריצט אויף אלע אידן ממש ״בדרך נס״ טראצדעם וואס ס׳איז געווען ווייניג בלוט, און די אנדערע העלפט האט מען געשפריצט אויף די מזבח דערנאך האט משה רבינו פארגעליינט די תורה פון בראשית ביז די פרשה פון מתן תורה, און אויך די מצוות וואס זיי האבן שוין געהאט פון מרה, און לויט ר׳ ישמעאל האט ער געליינט די פרשה פון יובל און שמיטה, וואס איז אויסגערעכענט אין פרשת בהר בחוקותי, און די אידן האבן אים געשריגען נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע, און די מלאכים האבן יעדען אנגעטוהן צוויי קרוינען וואס איז געבליבען אויף זיי ביז די חטא העגל.

### ז׳ סיון - שבת קודש - מתן תורה - מעמד הנבחר - עליונים ששו ותחתונים עלזו

צופרי אלע אידן שלאפען... (און ווי אין ספרים שטייט דער טעם ווייל זיי האבן שוין נישט געקענט אויסהאלטן די גלוסטיקייט צו די תורה) האט דער אויבערשטער געמאכט אז די אידן זאלען הערן די געזאנג פון די מלאכים, און זיי האבן זיך אויפגעוועקט דערפון און זיי האבן דערזעהן פונדערווייטענ׳ס אז די אויבערשטער ווארט שוין אויף זיי, זענען זיי צוזאמען מיט משה רבינו שנעל געגאנגען צום בארג סיני, און דער אויבערשטער איז זיי אקעגען געגאנגען אזוי ווי א חתן גייט אקעגען די כלה ביי די חופה.

אלע בערג שטייען און בעטן אז מ׳זאל אויף זיי געבען די תורה און יעדער שרייט אֲנִי נִקְרֵאתִי מיך האט מען גערופען, אין מדרש שטייט אז ווען משיח וועט קומען וועט מען אויף די אלע בערג מאכן די ביהמ״ק. אבער דער אויבערשטער האט דוקא אויסגעוועהלט די בארג סיני ווייל ער האט זיך קליין געהאלטן, (די ספרים טייטשען מיט דעם משה קיבל תורה מסיני, אז משה רבינו האט מקבל געווען די תורה ווייל ער האט זיך

געהאלטן קליין, און פון ווי האט ער געוויסט זיך צו האלטן קליין "מסיני" פון בארג סיני אז דער אויבערשטער האט אויף אים געגעבן די תורה ווייל ער האט זיך געהאלט'ן קליין).

דערנאך האט דער אויבערשטער אויף געהויבען דעם בארג אויף זיי, און געזאגט אז זיי מוזען מקבל זיין די תורה ווייל אויב נישט וועלען זיי בלייבען אינטער די בארג, און פון מורא האבן זיי מקבל געווען די תורה, [תוס' זאגט אז דאס איז נאר געווען אויף תורה שבעל פה], און די גמרא זאגט, אז שפעטער ביי די נס פון פורים האבן זיי אלעם נאכאמאל מקבל געווען מאהבה.

### עשרת הדברות

אזוי ווי דער אויבערשטער האט אנגעהויבען צו זאגן די עשרת הדברות איז די גאנצע וועלט שטיל געווארען, יעדער האט אויף געהערט זאגן שירה ווייל אלע האבן געוואלט מיטהאלטען די מעמד פון מתן תורה, אויך די אידן זענען זייער דערשראקען געווארען און זענען געפליגען צוועלעף מיל ביי יעדע דיבור, און די מלאכים האבן זיי צוריק געברענגט (ווייל ס'איז געווען שבת און מ'טאר נישט גיין חוץ לתחום,) אויך איז זייער נשמה פון גרויס שרעק ארויס, און דער אויבערשטער האט ארויס גענומען די טל של תחיה און ער האט זיי מחיה מתים געווען.

### נאך מתן תורה

דער אויבערשטער רופט ארויף משה רבינו און ער לערנט מיט אים פערציג טעג די תורה, יעדען בייטאג די תורה שבכתב, און יעדע ביינאכט די תורה שבעל פה וואס דאס איז די משניות, און אזוי ווי משה האט געענדיגט צו לערנען האט ער אלעם פארגעסען, האט ער זייער געוויינט צום אויבערשטען, האט אים דער אויבערשטער אלעם געגעבן במתנה ער זאל אלעם געדענקען, און ער האט אים געגעבען די לוחות וואס ער האט אליין אויסגעקריצט, וואס איז געווען בדרך נס, אז ער זאל עס געבען פאר די אידן.

### שבירת הלוחות - לוחות שניות

י"ז בתמוז צופרי: די אידן ווארטן אויף משה רבינו אבער ער קומט נישט אראפ, האבן זיי אנגעפאנגען צו פארפירן ביז מ'האט געמאכט די עגל, ווען משה רבינו איז אראפ געקומען, און ער האט דאס דערזעהן האט ער פון זיין אייגענעם דעת צובראכען די לוחות. די גמרא זאגט אז ער האט געדרש'נט א קל וחומר, אז די תורה לאזט נישט טון די מצוה פון קרבן פסח פאר א בן נכר, איז אוודאי אז די גאנצע תורה טאר מען זיכער נישט געבען פאר א בן נכר האט ער עס צובראכען. ער איז צוריק ארויף נאכאמאל י"ח תמוז און ער איז דארט געווען נאכאמאל פערציג טעג, און נאכדעם פון כ"ט אב ביז ערב ר"ח אלול, דעמאלטס איז משה רבינו אראפ געקומען און ער האט אויסגעהאקט שטיינער פאר נייע לוחות, און געזאגט פאר די אידן זאל'ן נאך מער מוסיף זיין בתשובה, און ער איז צוריק ארויף אויף פערציג טעג, וואס איז אויסגעקומען יום כיפור דעמאלס איז משה רבינו אראפגעקומען מיט די צווייטע לוחות און די גוטע בשורה אז דער אויבערשטער האט געזאגט סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ.

### משה קיבל תורה מסיני

משה רבינו האט אים געלערנט די גאנצע תורה פאר די אידן מיט דעם סדר: קודם האט ער עס געזאגט פאר אהרן, און דערנאך פאר זיינע קינדער, און דערנאך פאר אלע זקנים, פיר מאל האט ער עס איבערגעלערנט, (און דאס קומט ווייזן אז ווייניגער ווי פיר מאל הייסט נישט געלערנט, ולרמז איז דא ביי די רש"ם און תוס' פיר שורות אויבן ביים עמוד) און דערנאך פאר אלע אידן, תורה שבכתב האט מען געלערנט אינעווייניג, און תורה שבעל פה דאס איז געווען די פרטים פון יעדע מצוה

האט מען דעמאלס נאר געמעגט לערנען אויסענעווענדיג.

### ומסרה ליהושע
### 2.488 יאר לבריאת העולם,

משה רבינו איז נפטר געווארען אין מדבר, ז' אדר - שבת קודש ביי מנחה, און ער האט איבערגעגעבן די הנהגה פאר זיין געטרייע תלמוד יהושע, וואס האט זוכה געווען דערצו ווייל ער האט מסדר געווען די ביהמ"ד פאר משה רבינו, און ער האט ווייטער געלערנט מיט זיי די תורה און זיי אריינגעפירט אין ארץ ישראל.

### ויהושע לזקנים - שופטים

יהושע האט עס איבערגעגעבן פאר די זקנים אין יענע צייטן, דאס איז געווען פנחס בן אלעזר און כלב בן יפונה, און זיי האבן עס איבער געגעבן פאר די שופטים, דער ערשטער פון זיי איז געווען עתניאל בן קנז, (די גמרא זאגט אין תמורה טז, אז עתניאל בן קנז האט געלערנט 1.700 הלכות וואס איז פארגעסן געווארען אין די צייטן פון משה רבינו, און ער האט עס צוריק געברענגט, מיט זיין כח הפילפול) ביז דער לעצטער פון די שופטים וואס איז געווען עלי הכהן.

### וזקנים לנביאים
### 2.928 יאר לבריאת העולם

עלי האט איבערגעגעבן די תורה פאר שמואל הנביא, וואס איז געווען די ערשטע פון די נביאים, דוד המלך האט איבער גענומען די תורה פון שמואל הנביא, און ער האט דאס איבערגעגעבן פאר שלמה המלך, און דעמאלס איז געבויט געווארען די "ערשטער" בית המקדש, און שלמה האט עס איבערגעגעבן פאר אחיה השילוני, וואס ער האט דאס איבער געבען פאר אליהו הנביא, און אזוי איז עס געגאנגען פון איין נביא צום צווייטען, ארום פינף הונדערט און פופציג יאר, ביז ס'איז אנגעקומען צו יחזקאל הנביא און דעמאלס איז געווען די חורבן בית ראשון.

### 3.338 יאר לבריאת העולם

אין די צייט וואס אידן זענען געווען אין גלות צווישען ערשטען ביהמ"ק איז די תורה אנגעקומען צו עזרא הסופר, און זיינע חברים חגי, זכריה, און מלאכי וואס דאס איז עזרא אליין.

### ונביאים לאנשי כנסת הגדולה
### 3.408 יאר לבריאת העולם

שוין דורך די 70 יאר וואס אידן זענען געווען אין גלות בבל, און מ'האט אויפגעבויעט די צווייטע ביהמ"ק, דער בית דין פון עזרא הסופר וואס האט ענטהאלטען אין זיך 120 חכמים קדושי עליון, און זיי זענען געווען די אנשי כנסת הגדולה, וואס האבן מתקן געווען די גאנצע דאווענען וואס מיר דאווענען ביז'ן היינטיגן טאג, און זיי האבן ווייטער געלערנט מיט די אידן די תורה, וואס זיי האבן געהערט פון עזרא הסופר, דער לעצטער פון זיי איז געווען שמעון הצדיק וואס ער איז געווען כהן גדול נאך עזרא הסופר, און נאך אים האט זיך שוין אנגעפאנגען די תנאים, [אין די צייטען פון אנשי כה"ג האט מען שוין אביסעל געשריבען וואס מ'האט געלערנט, אבער מ'האט זיך נאך אלס פארלאזט אז מ'געדענקט דאס לערנען, און ס'פעהלט נישט אויס צו שרייבן].

### תקופת התנאים
### 3.448 יאר לבריאת העולם

נאך שמעון הצדיק איז געווען די תנאים, און די ערשטער פון זיי איז געווען אנטיגנוס איש סוכו וועלכער ווערט דערמאנט אין פרקי אבות, און ער האט אלעם מקבל געווען פון שמעון הצדיק, אבער אין זיינע צייטן איז ער אליין געווען ראש ישיבה, און דערפאר איז נישט געווען קיין מחלוקת אין די הלכה, שפעטער איז

געווארען איינגעפירט א נשיא און א אב בית דין, און דעמאלס האט זיך אנגעפאנגען די מחלוקת אין די הלכה, און ס'האט זיך ווייטער געפירט פון איין תנא צום צווייטען, ביז שמעי' ואבטליון, וואס צו זיי איז געקומען הלל לערנען תורה, און ער איז געווארען דער נשיא ביי כלל ישראל, און זיין פּאָר איז געווען שמאי הזקן (חגיגה טז:), נאכדעם וואס האט הלל איז נפטר געווארען, איז געבליבען זיין ישיבה, און דאס ווערט אנגערופען בית הלל, און די לעצטער פון זיינע תלמידים איז געווען ר' יוחנן בן זכאי, וואס אין זיינע צייט'ן איז געווען די חורבן בית המקדש, און ר' יוחנן איז אוועק מיט זיינע תלמידים פון ארץ ישראל אויף יבנה, און דארט האט ער געפירט זיין ישיבה מיט זיינע תלמידים.

### תנאים

**3.828 יאר צו בריאת העולם**

נאכדעם וואס ס'איז געשעהן דעם ביטערען חורבן פון "צווייטען" ביהמ"ק האט זיך אנגעפאנגען די צייט'ן פון די תנאים, וואס דער ערשטער איז געווען ר' יוחנן בן זכאי, און ער האט געהאט גרויסע תלמידים, ווי ר' אליעזר וואס האט געמאכט דעם פרקי דר' אליעזר, און אויך איז אין יענע צייט'ן ארויסגעקומען די תרגום אונקלס דורך אונקלס הגר, נאכדעם האט די תנא ר' עקיבא אנגעפירט מיט'ן דור ווייטער, און דערנאך איז געווען ר' שמעון בן גמליאל, וואס איז געווען די טאטע פון רבינו הקדוש.

### רבינו הקדוש - משניות

**3.978 יאר לבריאת העולם**

די פיפטע דור נאך ר' יוחנן איז ארופגעקומען רבי יהודא הנשיא וואס מ'האט גערופען רבינו הקדוש, צוליב זיין גרוים קדושה ווי ס'שטייט אין די גמרא.

ביז זיינע צייטן האט מען שטענדיג געלערנט די תורה שבעל פה אויסעווייניג, און מ'האט עס נישט געטארט אראפשרייבען, אבער צוביסלך איז אוועק פון די וועלט די תלמידי חכמים, רבינו הקדוש האט געזעהן אז די תורה ווערט ח"ו פארגעסען, האט ער געזאגט "עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ" און מ'האט דעמאלס מתיר געווען אראפ צושרייבען די תורה שבעל פה.

### אמוראים

אזוי ווי מ'האט געענדיגט די משניות האט זיך געענדיגט די תקופה פון תנאים, און ס'האט זיך אנגעפאנגען די תקופה פון די אמוראים, און די ערשטע פון זיי זענען געווען רב און ר' חייא און ר' אושעיא, וואס זיי זענען באמת געווען צווישען די אמוראים און די תנאים, און דערנאך פאנגט זיך אן די ריכטיגע דור פון די אמוראים, און די ערשטע פון זיי זענען שמואל און מר עוקבא, און ריש לקיש, און די לעצטער פון די אמוראים איז געווען רב אשי וואס האט געענדיגט די גמרא, און נפטר געווארען 355 יאר נאכ'ן חורבן ביהמ"ק.

### תוספתא - ברייתות

רבי חייא פון די גרויסע תלמידים פון רבינו הקדוש האט געזעהן אז די משניות איז געשריבען בקיצור האט ער געמאכט די תוספתא, כדי מבאר צו זיין באריכות די אלע זאכן וואס אין משניות שטייט עס נאר ברמז, און נאכדעם האט רבי חייא מיט ר' אושעיא געמאכט די ברייתות אלס די זעלבע טעם.

### ספרא - ספרי ווער האט עס געמאכט?

רב ועלכער איז אויך געווען א תלמיד פון רבינו הקדוש האט געמאכט די ספרא און ספרי אויך כדי מסביר צו זיין די הלכות וואס שטייט אין די משנה בקיצור.

### תלמוד ירושלמי ווער האט עס געמאכט?

ר׳ יוחנן וואס איז אויך געווען פון די תלמידים פון רבינו הקדוש און ער איז געבליבען וואוינען אין ארץ ישראל, האט צוזאם גענומען אלע מחלוקת וואס איז געזאגט געווארען אויף די משניות, און ער האט עס אפגעשריבען און פון דעם איז געווארען די ירושלמי ווייל עס איז געמאכט געווארען אין ירושלים.

## תלמוד בבלי ווער האט עס געמאכט?

רוב אמוראים און תלמידים פון רבינו הקדוש זענען געגאנגען קיין בבל, צווישען די איז געווען רב ושמואל, און אביי ורבא און זיי האבן מיט זייערע תלמידים געלערנט די משניות, און אויף אויסענווענדיג אויסגערעדט די אלע מחלוקת צווישען זיך, און מ׳האט עס איבער געגעבען איינער פאר׳ן אנדערן און אזוי ווייטער, אבער אפגעשריבען איז עס נישט געווען ביז די צוויי גרויסע אמוראים רבינא און רב אשי האבן צוזאם גענומען אלע מחלוקת, און פון דעם איז געווארען תַּלְמוּד בַּבְלִי וואס איז געמאכט געווארען אין בבל. (דער טעם פארוואס מיר לערנען דאס, און נישט ירושלמי איז, ווייל בבלי איז א לשון בלולה - אויסגעמישט, אז אין די תלמוד בבלי איז דא מקרא משנה אגדה די אלע זאכן וואס א איד דארף לערנען יעדען טאג - תוס׳ קידושין).

## רבנן סבוראי

**4.239 יאר לבריאת העולם,**

נאך די אמוראים האט זיך אנגעפאנגען די רבנן סבוראי, און זיי זענען געווען, רב טביומי, און רב אחאי, און די תקופה האט זיך געצויגען 186 יאר, און די לעצטער פון זיי איז געווען רב ששנא, אין יענע צייט׳ן איז געווען זייער גרוים די כבוד פון די ראשי ישיבות, און די גמרות איז נאכנישט געווען אזוי צושפרייט, מ׳האט אסאך געלערנט אויסענווענדיג.

## תקופת הגאונים

**4.451 יאר לבריאת העולם**

אין די שפעטער׳דיגע יארן איז געווען זייער שווערע צייט׳ן פאר אידן אין גלות, און מ׳האט ליידער נישט געהאט קיין מח זיך אריינצוטיפן אין די גמרא האט מען געפרעגט אסאך שאלות די גאונים פון יענע צייט׳ן, און זיי האבן יעדען געענטפערט, מיט די צייט האט זיך אנגעזאמלט אסאך פון זייערע כתבים מ׳האט דאס צוזאם גענומען, און פון דעם איז געווארען די תשובת הגאונים, פון די באקאנטע גאונים איז רב סעדיה גאון, און רב שריריא גאון די טאטע פון רב האי וועלכער איז געווען א גרויסער מרביץ תורה, און איז אוועק ביי די 99 יאר, די לעצטער פון די גאונים איז געווען רב האי גאון.

## תקופת הראשונים

**4.700 יאר לבריאת העולם**

נאך די צייט׳ן האט זיך אנגעפאנגען די תקופה פון די ראשונים, און די ערשטער פון זיי איז געווען רבנו חננאל וואס איז געווען א תלמיד פון רב האי גאון, און דערנאך איז געווען רבנו נסים, און דערנאך איז געווען דער רי״ף וואס איז געווען א תלמיד פון רבנו חננאל, און איז נפטר געווארען בשנת ד׳ אלפים תתפ״ג, דערנאך איז געווען דער ר״י מיגאש וועלכער איז נפטר געווארען ד׳ אלפים תתק״א, און דערנאך איז געווען דער רמב״ם וועלכער איז נפטר געווארען ד׳ אלפים תתקס״ה, און שפעטער איז געווען דער רא״ש וואס איז געווען א תלמיד פון מהר״ם מרוטנבורג, און איז נפטר געווארען ה׳ אלפים פ״ח.

## ארבעה טורים

**5.040 יאר צו בריאת העולם**

אבער די אלע ראשונים האבן עס נאר אראפ געשריבען לויט די גמרות, איז געקומען דער זון פון רא״ש רבנו יעקב בעל הטורים, און געמאכט דער באקאנטער טור וואס דאס איז איינגעטיילט לויט דעם לעבן פון א מענטש יעדען טאג, ווי ער שרייבט אליין אין זיין חיבור אנפאנג הלכות שבת און אין זיין הקדמה, אז ער האט מחבר געווען דעם ספר ווייל ער זעהט אז מ׳האט נישט קיין כח זיך אריינצוטוהן אין הלכה, דערפאר ווייל ער

פארגרינגערען, און ער האט עס מסדר געווען לויט די ראשונים, און געפסקנט די הלכה דארט ווי ס'איז דא מחלוקת.

## שלחן ערוך

**5.248 יאר צו בריאת העולם**

מיט א צוויי הונדערט יאר שפעטער האט דער בית יוסף געמאכט זיין פירוש אויפ'ן טור, ווי דארט צייכנט ער אן יעדע מקור פון ווי די טור האט עס גענומען, און ער ברענגט באריכות אלע דיעות און אויך פסק'נט ער די הלכה, ס'איז געווען אין זיינע צייטן גרויסע מתנגדים אויפ'ן בית יוסף, דער מהר"י בן לב האט געהייסען פאר זיינע תלמידים זאלען עס נישט לערנען, אבער דערנאך האט ער געזאגט אז מן השמים האט מען אים געוויזען די וויכטיקייט פון דעם חיבור. נאכדעם האט דער בית יוסף געזעהן אז ס'איז וויכטיג ס'זאל זיין א ספר ווי מ'זאל קענען זעהן אלע הלכות בקיצור די הלכה, האט ער געמאכט די שולחן ערוך וואס איז כשולחן הערוך ומוכן וכו'.

דער רמ"א וואס איז געווען די רב אין קראקא האט אויף דעם געמאכט זיינע הגהות.

דערנאך האבן דער טורי זהב און דער מגן אברהם געמאכט זייער פירוש, און אזוי פירן מיך זיך ווייטער ביז משיח וועט קומען בקרוב אמן סלה.



# גודל מעלת ושכר לימוד התורה

כָּל אִישׁ מִיִּשְׂרָאֵל חַיָּיב בְּתַלְמוּד תּוֹרָה, בֵּין עָנִי בֵּין עָשִׁיר, בֵּין שָׁלֵם בְּגוּפוֹ בֵּין בַּעַל יִסּוּרִים, בֵּין בָּחוּר בֵּין זָקֵן גָּדוֹל, אֲפִילוּ עָנִי הַמְּחַזֵּר עַל הַפְּתָחִים, אֲפִילוּ בַּעַל אִשָּׁה וּבָנִים חַיָּיב לִקְבּוֹעַ לוֹ זְמַן לְתַלְמוּד תּוֹרָה, בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה, שֶׁנֶּאֱמַר וְהָגִיתָ בּוֹ בַּיּוֹם וּבַלָּיְלָה, (שולחן ערוך יורה דעה סי' רמ"ו סעיף א')

וואויל איז פאר א מענטש וואס מאכט זיין גוף ווי א אקס וואס שלעפט א יאך, און ווי א חמור וואס שלעפט זיין משא, און אזוי איז ער גרייט צו לערנען תורה, תיכף רוהט אויף אים רוח הקודש, און די תורה ווערט געבענשט אין אים.

**תניא דבי אליהו**

אויב א מענטש איז זוכה און ער לערנט תורה און חכמה, איז ער חשוב ביים אויבערשטען ווי גלייך ער וואלט באשאפען די גאנצע וועלט.

**מדרש שוחר טוב**

אפילו מ'האט אויף אים גע'פסק'נט אין הימל למיתה ר"ל, די תורה וואס ער לערנען ברענגט אים צוריק.

**שם, תהילים קי"ט**

עס איז נישטא קיין גרעסערע זכות פאר א מענטש אויף יענער וועלט צו ראטעווען פון גיהנם ווי די תורה.

**שם. משלי י'**

די וואס זענען עוסק בתורה, זענען גרעסער ווי די נביאים.

**זוהר בראשית**

די מענטשען וואס בייגען זיך אראפ ביז די ערד צו לערנען תורה, ברענגט דער אויבערשטער אויף זיי די ליכטיקייט פון די תורה.

**תניא דבי אליהו. ה',**

לערנען תורה איז מער ווי מקריב זיין דעם קרבן תמיד.

**מגילה ג'**

לערנען תורה איז מער ווי אויפצובויען דעם בית המקדש וואס מיר ווארטען שוין אזוי דערויף, און מער ווי הצלת נפשות, - צו ראטעווען א מענטש וואס דאס איז זייער א גרויסע מצוה.

**מגילה ט"ז:**

דברי תורה וואס א מענטש לערנט טוט אים גראד מאכן פון די נישט גוטע וועג צו די גוטע וועג.

**מדרש רבה קהלת,**

ווער ס'איז עוסק בתורה גייען אלע יסורים אוועק פון אים.

**ברכות ה.**

ווער ס'איז עוסק אין תורה און גמילות חסדים איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות.

# קונטרס לשבועות

**ברכות ה.**

ווער ס׳איז עוסק אין תורה און גמילות חסדים און דאווענט בציבור, רעכען איך ווי גלייך ער האט מיך און מיינע קינדער אויסגעלייזט פון גלות.

**ברכות ח.**

ווער ס׳איז עוסק בתורה זענען זיינע געשעפטען מצליח.

**עבודה זרה יט:**

ווער ס׳איז עוסק בתורה מאכט אים דער אויבערשטער וואס ער דארף.

**שם,**

ווער ס׳איז עוסק בתורה איז אזוי ווי ער האט מקריב געווען א עולה. מנחה. חטאת. און א אשם.

**מנחות ק״י.**

ווער ס׳איז עוסק בתורה בעולם הזה וואס איז צוגעגליכענט צו די נאכט, ציט דער אויבערשטער ארויף אויף אים א חוט של חסד לעוה״ב.

**חגיגה י״ב:**

ווער ס׳איז עוסק בתורה זעהט נישט די מדת פורעניות, סיי בעולם הזה און סיי בעולם הבא.

**תנא דבי אליהו**

ווער ס׳איז עוסק בתורה דארף נישט מורא האבן נישט פון די אויבערשטע און נישט פון די אינטערשטע, און ער דארף נישט מורא האבן פון שלעכטע קרענק ר״ל.

**הקדמת זוה״ק**

ווען משיח וועט קומען וועט דער אויבערשטער נעמען א ספר תורה אין זיין שויס, און וועט אויס רופען ווער ס׳האט געלערנט זאל קומען נעמען זיין שכר.

**עבודה זרה ב.**

מַרְבֶּה תוֹרָה - ווער ס׳פארמערט תורה, דער איז מַרְבֶּה חַיִּים - טוט זיך פארמערען לעבן.

**אבות ב.ז**

אין דברי תורה נבלעים בלב האדם אלא במי שהוא עייף להם.

**תנא דבי אליהו**

הלומד תורה בילדותו דברי תורה נבלעין בדמיו.

**אבות דר׳ נתן**

אין הקב״ה נותן את התורה אלא למי שמצטער עליה.

**תנא דבי אליהו**

כל העוסק בתורה מתוך הדחק תפלתו נשמעת.

**סוטה מט.**

הלומד בצער נוטל אלף, שלא בצער נוטל מאתיים.

כל מי שאינו עוסק בתורה נקרא בעל מום, שנאמר תורת ה׳ תמימה, שהתורה עושה אותו תמים מכל מום.

**מעלות התורה**

משלו דברי תורה לכלי זיין, מה כלי זיין הזה מתקיים לבעליו בשעת מלחמה, כך דברי תורה מתקיים עם מי שעמל בהן כל צרכו.

**שהש״ר**

אם היו בני אדם מרגישיו במתיקות ועריבות התורה, היו משתגעים ומתלהטים אחריה ולא היה נחשב בעיניהם מלא עולם כסף וזהב כי התורה כוללת כל הטובות שבעולם.

**אור החיים הק׳**

# דאס הארבקייט פון ביטול תורה

אויף דריי מענטשען וויינט דער אויבערשטער יעדען טאג, איינס פון דעם איז ווער ס׳קען לערנען תורה און ער לערנט נישט.

**חגיגה ה:**

יעדען טאג גייט ארויס א בת קול פון בארג חורב, און רופט אויס: ווי איז צו די מענטשען וואס לערנען נישט קיין תורה, ווייל דער וואס לערנט נישט קיין תורה דער הייסט א פארשעמטער.

**אבות ו. ב.**

די רעגען ווערט נישט איינגעהאלטען נאר וועגן ביטול תורה.

**תענית ז.**

ווען א מענטש איז נישט עוסק בתורה, האט ער נישט א הייליגע נפש.

**זוהר בהקדמתו,**

ווער ס׳איז מפסיק אינמיטן לערנען, געט מען אים שפעטער ברענעדיגע קוילן.

**חגיגה יב.**

ווער ס׳קען לערנען און לערנט נישט איז זיך מתחייב בנפשו, און מ׳לייגט אויף אים ארויף עול דרך ארץ און א שווערן שיעבוד אויף די וועלט.

**זוהר בהקדמתו**

ווער ס׳איז מבטל תורה איז ווי גליך ער לייקענט ר״ל אין אויבערשטען, און ווער ס׳לערנט תורה איז ווי גליך ער האט עס אליין מקבל געווען אויפ׳ן בארג סיני.

**מדרש תנחומא ראה.**

ווער ס׳איז שוואך אין לערנען האט נישט קיין כח בייצושטיין ווען ס׳קומט א עת צרה ר״ל.

**ברכות ס״ג.**

ווער ס׳שיידט זיך אפ פון לערנען דער ווערט פארברענט אין גיהנם.

**בבא בתרא עט.**

יעדער ת״ח וואס לאזט איבער דברי תורה רעכענט מען אויף אים ווי ער שפעט אפ אין אין דעם וואס האט באשאפען די וועלט.

**מדרש שוחר טוב, משלי י.**

ווען קענען די גוים גוזר זיין א גזירה? ווען די אידן ווארפען זיך מיט די תורה אויף די ערד.

**מדרש רבה איכה. פתיחא,**

דער אויבערשטער האט מוותר געווען פאר די אידן אויף די ערגסטע עבירות, אבער אויף מבטל זיין דברי תורה האט דער אויבערשטער נישט מבטל געווען.

**ירושלמי חגיגה א. ו**

# התורה נמשלה ל...

אזוי ווי פיש אין וואסער ווערן טויט ווי גליך זיי קומען נאר ארויס פונעם וואסער, אזוי אויך די וואס שיידן זיך פון די תורה.

**עבודה זרה ג.**

אזוי ווי די דרבן (די אייזען מיט וואס מ׳אקערט) מאכט גלייך די קו וואס אקערט צו די שורה ווי מ׳וויל אקערען, אזוי אויך די תורה טוט אויסגלייכען אירע לערנער׳ס צו די ריכטיגע וועג.

**חגיגה ג.**

אזוי ווי וואסער מאכט וואקסען די שפראצונגען, אזוי אויך די תורה מאכט וואקסען די וואס פלאגען זיך אין די תורה.

**מדרש רבה שיר השירים א. י״ט.**

אזוי ווי וואסער טוט בארואיגען דעם מענטש אזוי אויך די תורה.

**שם.**

אזוי ווי רעגען צומאלט שטיינער, אזוי אויך די תורה טוט צומאלען דעם פארהארטעוועטען הארץ.

**מדרש תנחומא. האזינו,**

אזווי ווי רעגען קען מען אן דעם נישט זיין, אזוי אויך די תורה, קען מען אן דעם נישט זיין.

**שם.**

אזוי ווי א קליין קינד דארף כסדר עסן, אזוי אויך דארף מען שטענדיג לערנען, אלע שעות פון טאג.

**ירושלמי ברכות ט.**

אזוי שטורעם ווינטען קומען אראפ אויפן פעלד און ס׳מאכט גוט די גראז פון פעלד, אזוי אויך די תורה טוט הייבען דער וואס לערנט איר.

**ספרי האזינו**

# התורה נמשלה למים

**מַה הַמַּיִם נוֹתְנִים חַיִּים לְעוֹלָם - כָּךְ הַתּוֹרָה הִיא חַיִּים לְעוֹלָם.**

אזוי ווי וואסער גיט לעבן פאר די וועלט, אזוי אויך די תורה גיט לעבן פאר די וועלט.

**מַה הַמַּיִם מִי שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לָשׁוּט בָּהֶם, אוֹבֵד עַצְמוֹ מִן הָעוֹלָם - כָּךְ כָּל מִי שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִמְצוֹא דִּבְרֵי תּוֹרָה אוֹבֵד מִן הָעוֹלָם.**

פונקט ווי וואסער, אויב דער מענטש קען נישט שווימען, ווערט ער פארלוירן פון די וועלט - אזוי אויך דער וואס קען נישט קיין לערנען, ווערט פארלוירן פון די וועלט.

**מַה הַמַּיִם נִמְשָׁכִין וְהוֹלְכִים בְּכָל מָקוֹם, - כָּךְ הַתּוֹרָה מְשׁוּכָה וְהוֹלֶכֶת בְּכָל מָקוֹם.**

אזוי ווי וואסער ציט זיך אויף יעדע פלאץ, אזוי אויך די תורה ציט זיך אויף יעדע פלאץ.

**מַה הַמַּיִם מַנִּיחִים מָקוֹם גָּבוֹהַּ, וְהוֹלְכִים לְמָקוֹם נָמוּךְ - אַף דִּבְרֵי תּוֹרָה אֵין מִתְקַיְּמִים אֶלָּא בְּמִי שֶׁהוּא עָנָיו וּמַנְמִיךְ עַצְמוֹ.**

אזוי ווי וואסער גייען פון א הויכע פלאץ צו א נידעריגן, - אזוי אויך די תורה האט א קיום נאר ביי דער וואס האלט זיך נידעריג.

**מַה הַמַּיִם אֵין מִתְקַיְּמִים לֹא בִּכְלֵי כֶסֶף וְלֹא בִּכְלֵי זָהָב אֶלָּא בִּכְלֵי חֶרֶס, - כָּךְ אֵין הַתּוֹרָה מִתְקַיֶּמֶת בְּגַסֵּי הָרוּחַ, אֶלָּא בְּמִי שֶׁדַּעְתּוֹ נְמוּכָה עָלָיו.**

אזוי ווי וואסער האלט זיך נישט אין א זילבערנע כלי אדער אין א גאלדענע כלי, נאר אין א ערדענע כלי, - אזוי אויך די תורה האלט זיך נישט ביי די וואס האלטן זיך גרויס, נאר ביי די וואס האלטן זיך קליין.

**מַה הַמַּיִם יוֹרְדִים טִיפּוֹת טִיפּוֹת וְנַעֲשִׂים נְחָלִים נְחָלִים - אַף דִּבְרֵי תּוֹרָה אָדָם לוֹמֵד הֲלָכָה אַחַת הַיּוֹם, וַהֲלָכָה אַחַת לְמָחָר, עַד שֶׁמִּתְגַּבֵּר וְנוֹבֵעַ כְּמַעְיָן.**

אזוי ווי וואסער קומט אראפ טראפן טראפן, און עס ווערט דערפון טייכן - אזוי אויך ביי תורה א מענטש לערנט היינט א הלכה און מארגן נאך איינס ביז ער ווערט ווי א קוואל וואסער.

**מַה הַמַּיִם, אִם אֵין אָדָם צָמֵא אֵין הֵם עֲרֵבִים לְגוּפוֹ - כָּךְ דִּבְרֵי תּוֹרָה אִם אֵינוֹ צָמֵא לָהֶם אֵין הֵם עֲרֵבִים לוֹ.**

אזוי ווי וואסער, אויב דער מענטש איז נישט דורשטיג, זענען זיי נישט געשמאק פאר אים - אזוי אויך די תורה איז נישט געשמאק פארן מענטש אויב מען איז נישט דורשטיג נאך איר.

**מַה הַמַּיִם אֵין אָדָם מִתְבַּיֵּשׁ לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ, הַשְׁקֵנִי מַיִם - כָּךְ לֹא יִתְבַּיֵּשׁ לוֹמַר אֲפִילוּ לְקָטָן מִמֶּנּוּ, לַמְּדֵנוּ תּוֹרָה, לַמְּדֵנוּ דָּבָר זֶה.**

אזוי ווי וואסער שעמט זיך נישט א מענטש צו בעטן פון חבר, - אזוי זאל זיך א מענטש נישט שעמען צו זאגן אפילו פאר א קלענערע פון אים, לערן מיט מיר תורה.

**כְּשֵׁם שֶׁהַמַּיִם, כָּל הָרוֹצֶה לִשְׁתּוֹת, יִשְׁתֶּה בְּלִי מְחִיר - כָּךְ כָּל הָרוֹצֶה לִלְמוֹד תּוֹרָה, לוֹמֵד בְּלִי כֶּסֶף.**

אזוי ווי וואסער, קען מען טרינקען אומזיסט - אזוי אויך תורה קען מען לערנען אומזיסט

# שמות החג

**דער יו"ט שבועות האט פיר נעמען:**
**חג השבועות, חג הקציר, יום הביכורים, עצרת.**

## חג השבועות

די תורה רופט אן דער יום טוב "חג השבועות". אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות לד): **וְחַג שָׁבֻעֹת תַּעֲשֶׂה לְךָ בִּכּוּרֵי קְצִיר חִטִּים**. אויך שטייט אין פסוק (דברים טז): **וְעָשִׂיתָ חַג שָׁבֻעוֹת לַה' אֱלֹקֶיךָ**.

די גמרא זאגט דער טעם, ווייל שבועות טייטשט וואכן, און יו"ט שבועות קומט נאך די ציילונג פון די זיבן וואכן.

אין ספה"ק **אהבת שלום** שטייט ווייל אלע הייליגע זאכן איז מיט די נומער 7 ווי צום ביישפיל די זיבעטע טאג פון די וואך איז שבת, און די זיבעטע יאר איז שמיטה, און נאך די זיבעטע שמיטה איז יובל. און אויך דער יו"ט "שבועות" איז נאך 7 וואכן ציילען ספירה, צו ווייזן די קדושה פון דעם יו"ט.

נאך א טעם שטייט אין ספר **טור ברקת** ווייל ביי מתן תורה האבן די אידן געמאכט א '**שבועה**' צו די רבוש"ע אז זיי וועלן האלטן די תורה. און אויך די באשעפער האט געמאכט א '**שבועה**' אז ווי לאנג די אידן וועלן האלטן די תורה, וועט ער זיי נישט פארלאזן.

נאך א טעם: מרמז צו זיין אז דער שטן און די מקטריגים זענען צוריקגעהאלטן געווארן אין דעם טאג ווי חז"ל דערציילן. **טעמי המצוות לר' מנחם הבבלי**

אין די נאמען **שבועות** איז מרומז אלע נעמען פון יו"ט ש'בועות ב'יכורים, ע'צרת ת'ורה (זמן מתן תורתינו). **הגר"א מווילנא ז"ל**

## חג הקציר

עס שטייט אין פסוק (שמות כג): **וְחַג הַקָּצִיר בִּכּוּרֵי מַעֲשֶׂיךָ אֲשֶׁר תִּזְרַע בַּשָּׂדֶה** דאס איז די צייט וואס מען שניידט אפ די נייע תבואה וואס האט געוואקסן די יאר.

אין **ספורנו** ווערט געברענגט אז די עיקר פון יעדען יו"ט איז צוגעבען א לויב פאר'ן אויבערשטען אויף די גוטע זאכן וואס ער טוט אונז, און די עיקר הצלחה פון די נייע שניט ווענדט זיך זייער אסאך אין די וועטער צווישען פסח און שבועות א.ד.ג. דערפאר האט מען געמאכט דעם יו"ט שבועות צוגעבען א שבח והודיה, פאר'ן אויבערשטען, אז די שניט פון די יאר איז געלונגען, און דערפאר הייסט עס טאקע חג הקציר.

אין **רמב"ן** שטייט זייער ענליך, אז די עיקר וואס מ'איז געגאנגען עולה רגל זיין, איז צו לויבן דעם אויבערשטען אויף די גוטע זאכן וואס ער טוט אין פעלד, און דערפאר זענען אלע ימים טובים איינגעטיילט אין די זמנים פון פעלד, פסח - וואקסט די תבואה. שבועות - שניידט מען. און סוכות נעמט מען עס אריין אין שטוב, און דערפאר הייסט דער יו"ט שבועות חג הקציר, ווייל דער יו"ט איז טאקע ווענן די נייע שניט.

### יום הביכורים

עס שטייט אין פסוק (במדבר כח): **וּבְיוֹם הַבִּכּוּרִים בְּהַקְרִיבְכֶם מִנְחָה חֲדָשָׁה לַה' בְּשָׁבֻעֹתֵיכֶם,** זאגט רש"י אז דאס גייט ארויף אויף די ערשטע מנחה פון די נייע תבואה, וואס דאס איז געווען די שתי הלחם, און די שתי הלחם ווערט אויך אנגערופן "ביכורים", ווייל פאר דעם האט מען נישט מקריב געווען קיין מנחה פון חדש.

אויך האט מען דעם יו"ט אנגעהויבן צו ברענגען די ביכורים קיין ירושלים. דער צייט פון ברענגען "ביכורים", איז פון שבועות ביז סוכות מיט ליינען די פרשה פון ארמי עובד אבי. אדער ביז חנוכה אן ליינען די פרשה.

אין **שפת אמת** שטייט אז וועגן דעם הייסט עס ביכורים ווייל דאס איז א לשון פון באנייען, און אין דעם יו"ט שבועות ווערט באנייט די גאנצע בריאת שמים וארץ, ווייל די תורה ווערט געגעבען נאכמאל פאר די אידן.

### עצרת

אין די גמרא ווערט דער יו"ט בדרך כלל אנגערופן "עצרת". דער מְקוֹר דערפון איז פון תרגום אויפ'ן פסוק ביום הביכורים וגו' שטייט "**בְּעֲצְרָתֵיכוֹן**".

דער **רמב"ן** שרייבט (בספר' אמור) אז וועגן דעם ווערט דער יו"ט אנגערופען 'עצרת' ווייל אזוי ווי שמיני עצרת איז דער לעצטער טאג יו"ט פון סוכות, אזוי אויך דער יו"ט שבועות איז אזוי ווי דער לעצטער טאג יו"ט פון פסח, ווייל די ימי הספירה זענען אזוי ווי חול המועד, קומט אויס אז שבועות איז עצרת פסח.

ענדליך צו דעם שטייט אין **שפת אמת** פארוואס דער יו"ט ווערט אויך אנגערופען עצרת, ווייל ראש השנה ווערט יעדעס יאר באנייט די גאנצע בריאה, און דערנאך מאכט מען א יו"ט סוכות וואס מ'איז מקריב די ע' פרים, וואס דאס איז מרמז אויף די 70 פעלקער. און נאך די אלע ימים טובים מאכט מען איין טאג שמיני "עצרת" וואס דאס איז מיוחד ספעציעל נאר פאר די אידן אליין, די זעלבע זאך איז ביי דעם יו"ט, נאכדעם וואס מ'איז שוין דורך דעם יו"ט פסח, און אויך שוין געציילט ספירה זיבן וואכן, זאגט דער אויבערשטער איין טאג וויל איך האבן פאר מיר עקסטער, איך מיט די אידן אליין, און וועגן דעם הייסט דער יו"ט עצרת צו ווייזן אז דעם טאג האט דער אויבערשטער אפגעשיידט פאר די אידן אליין.

ענליך צו דעם שרייבט דער **קדושת לוי,** מיט די הקדמה, אז מ'זעהט ווען איינער ענדיגט א מסכתא מאכט מען א סיום, לכאורה דארף מען פארשטיין וואס מאכט ער עפעס יעצט א שמחה, ס'איז דאך שוין נאך די מצוה, נאר דער טעם דערפון איז לויט ווי רש"י ברענגט דער טעם פון שמיני עצרת, א משל צו א קעניג וואס האט געמאכט א סעודה פאר אלע זיינע שרים עטליכע טעג, ווען מ'האט געענדיגט מיט די סעודות, האט דער מלך געזאגט, יעצט וויל איך מאכן נאך איין קליינע סעודה, אז ס'זאל בלייבן גוט אין זכרון, די זעלבע איז ביי שמיני עצרת, זאגט דער אויבערשטער נאך די אלע טעג סוכות וויל איך נאך איין טאג פאר א יו"ט און דאס איז שמיני עצרת, זאגט דער קדושת לוי, אז דא ביי שבועות הייסט דער יו"ט שבועות, ווייל מיר האבן יעצט געענדיגט די מצוה פון ספירת העומר, און דער אויבערשטער זאגט איך וויל נאך בלייבן מיט ענק עטליכע טעג, איז דאס די זעלבע בחינה ווי שמיני עצרת, דערפאר רופן חז"ל דעם יו"ט עצרת.

**נאך א טעם ברענגט דער קדושת לוי** ביי יעדען יו"ט איז דא מצוות היום וואס צוטוהן אין דעם טאג ווי מצה און עסן אין די סוכה. אבער שבועות איז נישט דא א ספעציעל מצוה וואס צו טוהן, איז די איינציגע זאך וואס איז אנדערש

ווי אלע טעג, איז דאס אז מען טאר נישט ארבעטען און טוהן א מלאכה, נאר מען דארף זיין איינגעהאלטען פון די ארבעט, וועגן דעם ווערט דער יו"ט אנגערופען "עצרת" וואס דאס איז די טייטש "איינגעהאלטען" ווייל דאס איז די איינציגע מצוה פון טאג.

**נאך א טעם** ברענגט דער **קדושת לוי** לויט ווי דער רמב"ן טייטש דעם פסוק **מַה תָּעִירוּ וּמַה תְּעֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ**, אז ס'איז דא ווען ס'קומט אריין פאר א מענטש א התעוררות צו עבודת הבורא ברוך הוא, דארף ער זעהן תיכף צומאכן א כלי דערפאר, דאס הייסט טוהן א מצוה א.ד.ג. כדי ס'זאל בלייבן פון די התעררות, דאס טייטש דער רמב"ן מה תעירו וכו' - אויב ס'קומט א התעוררות פאר א מענטש, איז עד שתחפץ - דארף מען מאכן דערפאר א כלי (חפץ מלשון כלי), זאגט דער קדושת לוי אז בשעת מתן תורה איז אראפ געקומען אויף די אידן א געוואלדיגע התעוררות, און משה רבינו האט געזוכט א גוטע זאך ס'זאל בלייבן פון די התעוררות, האט ער נאכנישט געטראפען א מצוה, ווייל ס'איז געווען פאר מתן תורה, האט ער געטראפען די מצוה אז מ'זאל זיין איינגעהאלטען און נישט צוגיין צום בארג, די מצוה איז געווען א כלי אז די התעוררות זאל בלייבן, ממילא לזכר דעם הייסט דער יו"ט עצרת - איינגעהאלטען לזכר פון דעם.

דער **בני יששכר** ברענגט אראפ די ווערטער פון קדושת לוי (מאמר שם החג) און ער פרעגט דערויף, אז היינטיגע צייטן אז ס'איז יא דא מצוות מיט וואס צו מאכן א כלי, אויב אזוי פארוואס הייסט עס היינטיגע צייטן אויך מיט'ן נאמען עצרת? נאך מער פרעגט ער, אז די נאמען עצרת שטייט דאך נישט אין די תורה, נאר חכמינו ז"ל האבן דאס צוגעגעבען, אויב אזוי איז דאך זייער שווער צו זאגן דעם טעם ווייל אין זייערע צייטן איז דאך שוין זיכער געווען מצוות מיט וואס צו מאכן א כלי? נאר - ערקלערט דער בני יששכר - דער טעם פארוואס ס'הייסט עצרת איז, ווייל פסח ביינאכט קומט אראפ א גרויסע השפעה פאר אידן, אבער אזוי ווי דאס קומט אראפ פון זיך אליין און נישט דורך אונזער ארבעט, בלייבט עס נישט איבער אויף נאך פסח, נאר ס'גייט אוועק פון אונז, האט דער אויבערשטער געהייסען ציילען ספירה און טוהן פארשידענע זאכן אז מיר זאלען אליין דורך אונזערע מעשים זוכה זיין צו די השפעה און די אורות וואס קומען אראפ, און דאס וואס מיר זענען זוכה דורך אונזרע מעשים בלייבט יא איבער אויף אייביג, און וועגן דעם הייסט דער יו"ט עצרת. ווייל דאס איז א לשון פון איינהאלטען, אז די אלע השפעות וואס מיר זענען זוכה אין דעם יו"ט בלייבט איבער ביי אונז אויף אייביג.

## זמן מתן תורתינו

ביים דאווענען רופען מיר דעם טאג "**זמן מתן תורתינו**". דער טעם דערפון איז ווייל די אפיקורסים זאגן אז מ'האט נישט געגעבען די תורה אין דעם טאג, נאר שבת קודש, וועגן דעם רופט מען עס זמן מתן תורתינו, צו וויזן אז מיר האלטען נישט ווי די צדוקים, נאר מיר האלטען יא אז אין דעם טאג האט מען געגעבען די תורה.

אין **קדושת לוי** שטייט אז "זמן מתן תורתינו" מיינט דאס יעדער איז זוכה היינט צו א פרישע קבלת התורה לויט ווי ער האט זיך צוגעגרייט, דאס איז פשט מתן תורתינו - אונזער תורה.

דער **כלי יקר** שרייבט אז די טעם פארוואס עס ווערט נישט דערמאנט און די תורה אז ו' סיון איז דער "זמן מתן תורתינו", ווייל דער אויבערשטער האט נישט געוואלט אז א מענטש זאל טראכטן אז נאר און די טאג באקומט מען די תורה, ווייל א מענטש דארף טראכטן אז יעדן טאג קען מען זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה, און א יעדן טאג דארף מען מקבל זיין די תורה פון דאסניי, אזוי ווי די גמרא זאגט "בכל יום יהיה בעינך כחדשים".

# דרוש נחמד

## מרבינו הקי' בעל דברי יואל זי"ע

אין תנא דבי אליהו רבא (פי"ז) שטייט אז אין די צייט וואס די אידן האבן געזאגט "נעשה ונשמע", האט השי"ת באלד געזאגט ויקחו לי תרומה, וצריך ביאור ?

מען קען עס פארשטיין לויט דעם וואס די גמרא זאגט אין מסכת שבת (דף ע"ח ע"ב) אז ווען משה איז ארויף אין הימל צו נעמען די תורה האבן די מלאכים געזאגט תנה הודך על השמים ער זאל געבן די תורה אין הימל וכו: האט השי"ת געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל זיי ענטפערן, האט זיי משה רבינו געזאגט אז וואס שטייט אין די תורה לא תגנוב מען טאר נישט גנב'ענען, האט עטץ דען א יצה"ר, און די מפרשים זענען מפרש אז די כוונה איז, ווייל די תורה איז תבלין פאר'ן יצה"ר,

אזוי ־ווי די חז"ל זאגן אין קידושין (דף מ ע"ב) איך האב באשאפן א יצה"ר און איך האב באשאפן א תבלין צו דעם, די תורה, קומט אויס אז די מלאכים וואס די יצה"ר איז נישט שולט אויף זיי ברויכן זיי נישט די תורה.

דער ספר בני יששכר (לחג השבועות מאמר ימי הגבלה אות י"ט) איז מפרש אז די טענה פון די מלאכים "תנה הודך על השמים" איז געווען מכח די טענה פון "דינא דבר מצרא" ווייל עס איז דא א הלכה אז איינער האט צו פארקויפן קרקע, וכדומה, דארף מען קודם פארקויפען פאר די שכנים, און דאס האבן די מלאכים גע'טענה'ט אז מיר זענען שכנים פאר השי"ת דארף מען עס געבן קודם פאר אונז די תורה, עס שטייט אבער אין (מסכת בבא מציעא דף ק"ח ע"ב) אז טאמער האט די מוכר א הפסד מוז ער עס נישט פארקויפען פאר א שכן,

און לויט דעם וואס מיר האבן געזאגט אז במקום פסידא איז בטל די טענה פון די מלאכים, ווייל השית האט שאדן אויב ער גיט די תורה פאר די מלאכים ווייל די אידן זענען מקיים די תורה במעשה און זיי דארפן זיך שלאגן מיט'ן יצה"ר, אבער די מלאכים קענען נאר מקיים זיין בפנימיות אבער נישט במעשה ווייל זיי האבן נישט קיין יצה"ר איז בטל די דין פון "בר מצרא", ביז דא איז די ווערטער פון הייליגן בני יששכר.

אבער עס ווערט געברענגט אין מדרש אז ווען די אידן האבן גאזאגט ־ נעשה ונשמע ־ איז אויס געריסן געווארן די יצה"ר פון זייער הארץ, קומט דאך אויס אז די תירוץ וואס מיר האבן פריער דערמאנט איז נישט גוט ווייל די אידן קענען אויך נאר מקיים זיין בפנימיות און נישט. במעשה וועט דאך השי"ת דארפן געבן די תורה פאר די מלאכים ווייל זיי זענען דאך שכנים.

צוליב דעם האט השי"ת געזאגט "ויקחו לי תרומה" און פון דעם געלט "ועשו לי מקדש ושכנתי ־בתוכם", וועט דאך השי"ת זיין א שכן פאר די אידן, אזוי וועלן מיר קענען האבן די תורה, זאל השי"ת העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתיך באהבה, און זוכה זיין צו זעהן בבנין השלישי בקרוב במהרה בימינו.

(דברי יואל)

# דרוש נאה מהחתם סופר

א) די גמרא זאגט אין מסכת פסחים ס"ח ע"ב אז רב יוסף האט געזאגט אין יו"ט שבועות אז מ'זאל אים ברענגען א עגלא תילתא דאס מיינט א קעלבעל וואס איז געבוירען די דריטע צו איר מאמע וואס דאס איז די בעסטע ווייל ער וויל דאס עסן און ער האט אויסגעפירט אִי לָאו הַאי יוֹמָא ווען נישט דעם טאג כַּמָּה יוֹסֵף אִיכָּא בְּשׁוּקָא וואלט'ן געווען אסאך אזוי ווי אים.

ב) לכאורה דארף מען פארשטיין די לשון אי לאו האי יומא ווען נישט דער "טאג" וואס פרייט ער זיך מיט דעם "טאג", די עיקר שמחה איז דאך מיט מתן תורה, וואלט ער געדארפט זאגן אי לאו מתן תורה - ווען נישט מתן תורה?

ג) די גמרא רעכנט אויס אז משה רבינו האט צוגעלייגט נאך א טאג צו די ימי הפרישה, און מ'האט געגעבן די תורה אין שבת, אויך רעכנט דארט די גמרא אויס אז ער האט פון זיין אייגענע דעת צובראכען די לוחות, און דער אויבערשטער האט מסכים געווען וואס פאר א שייכות האבן לכאורה די צוויי זאכן וואס די גמרא רעכנט דארט אויס צוזאמען?

ד) נאר זאגט דער חתם סופר זי"ע אז ס'שטייט אין מדרש רבה, און ס'ווערט אויך געברענגט אין מגן אברהם סימן תקנ"א אז פון י"ז בתמוז ביז ט' באב איז שולט ל"ע שלעכטע מזיקין און ס'איז א סכנה דעמאלס צוגיין אין די גאס און מ'זאל נישט שלאגן קיין קינדער דעמאלס, זעהט מען דאך אז יענע צייט איז בכלל א נישט א גוטע צייט און ממילא דאס האט גורם געווען די ענין פון שבירת הלוחות ווייל משה רבינו איז אראפ געקומען פין הימל אין שבעה עשר בתמוז און האט דעמאלס צובראכען די לוחות.

ה) קומט אויס פון דעם אז ווען משה רבינו קומט ווען נישט אראפ יענעם טאג נאר א טאג פריער וואלט עס נישט צוגעקומען צו שבירת הלוחות, ווייל ס'וואלט ווען געווען פאר שבעה עשר בתמוז, און דאס וואס ער האט צוגעלייגט א טאג צו די ימי הפרישה איז דאך אויסגעקומען אז מתן תורה איז געווען מיט א טאג שפעטער, און ער איז ארויף אין הימל מיט א טאג שפעטער, און ער איז אראפ י"ז בתמוז, און דערפאר האט ער צובראכען די לוחות, און דאס איז אלעס איז געווען ווייל ער האט צוגעלייגט נאך א טאג. לויט דעם פארשטייען מיר שוין די שייכות צווישן די צוויי זאכן וואס שטייט אין די גמרא אז ער האט אליין געטוהן 1) צוגעלייגט א טאג, 2) און צובראכען די לוחות, ווייל דורכדעם וואס ער האט צוגעלייגט א טאג האט ער שפעטער י"ז בתמוז געדארפט צוברעכען די לוחות.

ו) ס'שטייט אין די סִפְרֵי הַמְקוּבָּלִים אז דאס וואס איז דא אזא זאך ווי תרגום אויף תורה, איז געקומען ווייל מ'האט צובראכען די לוחות האט זיך די תרגום אנגעכאפט אין די תורה.

ז) אין די גמרא געפונען מיר אז אסאך מאל ווי ס'שטייט א מימרא פון רב יוסף שטייט "כדמתרגם רב יוסף", דער טעם דערפון שטייט אין תוס' ב"ק דף ט' ווייל ער איז געווען א סגי נהור (בלינד), און ס'איז דא א הלכה אז תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אִי אַתָּה רְשָׁאֵי לְאוֹמְרָה עַל פֶּה אז תורה שבכתב טאר מען נישט זאגן אויסעווייניג, און דעריבער האט ער נאר געלערנט תרגום, דערפאר שטייט איבעראל "כדמתרגם" ווייל ער האט געלערנט נאר תרגום.

ח) קומט אויס אז רב יוסף האט געהאט גרויס נוצען פון לשון תרגום ווייל ער האט נאר דאס געמעגט לערנען, און ווי ס'איז פריער געשטאנען איז דאך די גאנצע תרגום געקומען דורך שבירת הלוחות, און שבירת הלוחות איז דאך נאר געקומען ווייל משה רבינו האט צוגעלייגט נאך א טאג צו די ימי הפרישה.

ט) דאס איז פשט אין די מימרא פון רב יוסף אי לאו האי "יוֹמָא" ווען נישט דער טאג וואס משה רבינו האט צוגעלייגט, וואלט דאך נישט צובראכען געווארען די לוחות, וואלט איך נישט געקענט גארנישט לערנען, ווייל ס'וואלט נישט געווען די תרגום, דאס איז געווען זיין עיקר שמחה מיט דעם טאג וואס משה רבינו האט צוגעלייגט, און נישט אזוי ווייט מיט די מתן תורה, ווייל פון דעם אליין האט ער גארנישט געהאט.

# דרוש נאה מספה"ק בני יששכר

שטייט אין פסוק:

**ומשה עלה אל האלוקים ויקרא אליו ה' מן ההר לאמור כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל: אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי: ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ: ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל:**

לכאורה איז שווער דריי קשיות אין פסוק:

1) פארוואס שטייט וְעַתָּה יעצט, וועלכע צייט מיינט ער אויסצומיידען אז ער זאגט יעצט?

2) וואס איז די נתינת טעם כִּי לִי כָּל הָאָרֶץ, וועגן דעם נעמט ער די אידן פאר א פאלק, פארקערט ווייל אלעס באלאנגט פאר אים דארף ער זיי נישט מאכן פאר א אויסנאם?

3) פארוואס ער איז מפסיק אינמיטן א פסוק מיט די נתינת טעם עס וואלט וואן געדארפט שטיין והייתם לי סגולה וכו' וממלכת כהנים וכו' און דערנאך כי לי כל הארץ?

נאר איז די בני יששכר מסביר מיט די הקדמה פון'ם מדרש, ביי אדם הראשון שטייט "אין ועתה אלא תשוב"ה", און ס'שטייט אין מדרש תנחומא "ישא ה' פניו אליך ולא לעכו"ם", אז תשובה העלפט נאר פאר א איד און נישט פאר גוים און אזוי ווערט געפסקנט אין ספר המבי"ט, און אין ספר לימודי ה' שטייט אפאר טעמים דערויף:

1) ווייל לויט'ן הלכה קען תשובה נישט העלפען ווייל "מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול", נאר ביי אידן מאכט מען א אויסנאם ווייל זיי האבן מודיע געווען פאר די וועלט די גרויסקייט פון דער קעניג ממילא ביי זיי העלפט תשובה.

2) דער אויבערשטער האט זיך אויסגענומען א תנאי אז די וועלט קען נישט שטיין נאר מיט די תורה, און אויב די אידן זענען נישט מקבל די תורה גייט די וועלט צוריק לתוהו ובוהו, ממילא ווען אידן האבן מקבל געווען די תורה האבן זיי אזוי ווי צוגעהאלפען צו די בריאת העולם, ממילא זענען זיי אזוי ווי שותפין אין די בריאה, און ס'איז נישט שייך ביי זיי די הלכה פון "מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול" ווייל זיי זענען דאך אויך שותפין.

3) ווייל אידן האבן באקומען אסאך מצוות אין די תורה כדי מ'זאל ווערן אויסגעארבעט אזוי ווי מלאכים, און אלע איברים זאלען ווערן הייליג און ס'איז א שווערע ארבעט מקיים צו זיין אלע מצוות אן קיין שום עיכובים, ממילא אויב מ'איז אמאל עובר אויף א עבירה ווערט עס גערעכנט אזוי ווי אן אונס, ממילא העלפט תשובה. אבער ביי די גוים וואס זיי האבן אינגאנצען נאר די שבע מצוות, און דאס קענען זיי אויך נישט מקיים זיין, איז דאס א גרויסע פעלשונג קעגען קעניג פון די וועלט, און וועגן דעם העלפט ביי זיי נישט קיין תשובה.

4) ווייל די אידן ווערן אנגערופען בנים למקום קינדער צום אויבערשטען, איז נישט שייך די טענה פון מלך שמחל על כבודו ווייל ביי זיי איז ער אזוי ווי א טאטע און "אב שמחל על

כבודו כבודו מחל", אבער פאר די גוים איז ער ווי א קעניג און ממילא העלפט נישט קיין תשובה.

לויט דעם קען מען טייטשן זייער שיין די פסוקים, ווייל די אידן זענען געשטאנען ביים בארג סיני, און זיי האבן געהאלטן ביים מקבל זיין די תורה האבן זיי זייער מורא באקומען צו נעמען די תורה, ווייל ס'איז שווער איינצוהאלטען אלע מצוות, האט זיי דער אויבערשטער בארואיגט "**וְעַתָּה**" אז תשובה העלפט, [ועתה מיינט תשובה ווייל די עיקר תשובה איז צוזאגן פאר השי"ת אז מאי דהוה הוה וואס איז געווען איז שוין געווען, און מכאן ואלך חושבנא און דאס איז פשט פון ועתה - יעצט פאנגט זיך אן א נייע בלעטל] **אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי** די מעלה פון תשובה איז נאר אויב איר וועט מקבל זיין די תורה נאר דעמאלס האט איר די מעלה **וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים** און מיט די מעלה וועט איר זיין אנדערשט פון אלע פעלקער, ווייל ביי זיי די גוים העלפט נישט קיין תשובה, **כִּי לִי כָּל הָאָרֶץ** ווייל פאר מיר איז די גאנצע וועלט און ממילא דארף לכאורה נישט העלפען תשובה, ווייל מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, **וְאַתֶּם** אבער איר זענט אנדערש און ביי ענק העלפט יא תשובה, און די טעמים שטייען ווייטער אין פסוק ווי פאלגענד:

1) 2) **תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים** איר האט מיך געמאכט פאר א מלך, און דעריבער זענט איר אזוי ווי שותפין אין די בריאה און ס'איז נישט שייך די טענה פון מלך שמחל על כבודו.

3) **וְגוֹי קָדוֹשׁ** און זיי זענען א הייליג פאלק און דעריבער האבן זיי אסאך מצוות, און וועגן דעם זענען זיי אזוי ווי א אונס אויב זיי טוען אמאהל א עבירה.

4) **אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל "בְּנֵי" יִשְׂרָאֵל** אז זיי זענען אזוי ווי קינדער צום אויבערשטען און ממילא איז נישט שייך די טענה פון מלך שמחל, ווייל א טאטע מעג יא מוחל זיין פאר זיין זון, ממילא זענט איר פארזיכערט אין דעם אז ס'וועט אייך העלפען תשובה און איר קענט נעמען די תורה.

לויט דעם קען מען אויך פארשטיין די גמרא אין מס' שבת, אז "כולי עלמא מודה בשבת נתנה תורה" מתן תורה איז אויסגעקומען אין שבת קודש, דארף מען פארשטיין פארוואס טאקע איז די תורה געגעבען געווארען אין שבת?

נאר דער תירוץ איז, אז דער אויבערשטער האט געגעבען די תורה האבן די אידן זייער מורא געהאט ווייל אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא, ממילא האט זיי דער אויבערשטער געוואלט אויסלערנען אז ביי זיי העלפט יא תשובה, האט ער געגעבן די תורה אין שבת ממילא וועלען זיי וויסען אז תשובה העלפט, ווייל אין **זוהר הקדוש** שטייט אז שבת איז די נאמען פון אויבערשטען און ס'איז די שרביט הזהב פונעם אויבערשטען, און די הלכה איז ווער ס'באנוצט זיך מיט די שרביט פון קעניג איז חייב מיתה, און וועגן דעם טאקע אויב א גוי האלט שבת איז די הלכה אז ער איז חייב מיתה, און אידן מעגן יא האלטן שבת ווייל זיי האבן א הלכה פון בנים למקום, און א זון מעג זיך יא באנוצען מיט זיין טאטענ'ס שרביט, קומט אויס אז פון שבת איז א ראיה אז אידן האבן א הלכה פון בנים למקום, ממילא פון די זעלבע טעם דארף תשובה אויך העלפען ווייל א טאטע מעג מוחל זיין פאר זיין קינד, און דאס איז דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט דוקא געגעבען די תורה אין שבת, כדי בשעת מתן תורה ממש זאל מען ווייזן אז תשובה העלפט.

# דרוש נפלא פון אסטראוועצער גאון ז"ל

די גמרא זאגט אין מס' שבת, אז משה רבינו האט צוגעלייגט נאך א טאג צו די ימי הפרישה, און דער אויבערשטער האט מסכים געווען צו אים און געגעבן די תורה אין שבת קודש.

פרעגט דער **פני יושע** אויף דעם אז די גמרא לערנט ארויס פון א גזירה שוה פון זכור זכור אז די תורה איז געגעבען געווארען אין שבת וייל ביי מצרים שטייט "זָכוֹר" אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם פונקט ווי דארט מיינט די פסוק יענע טאג אליין איז מען ארויס פון מצרים, אזוי אויך זכור את יום השבת האט מען געזאגט אין דעם טאג שבת קודש, פרעגט דער פני יושע אויב אזוי ווען נישט דעם וואס משה רבינו האט צוגעלייגט נאך א טאג וואס וואלט מען ווען דעמאלס געטוהן מיט די גזירה שוה פון זכור זכור ס'איז דאך נישט געווען אין שבת?

ענטפערט דער אסטראווצער גאון מיט די הקדמות ווי פאלגענד:

א) לכאורה איז שווער ווייל אין מכילתא שטייט אז פון זכור לערנט מען ארויס זכרהו מלפניו, אז מ'דארף צולייגען תוספות שבת פון פאר שבת איז דאך שווער ווי קען מען ארויס לערנען פון דארט אויף פאר שבת, די פסוק רעדט דאך פון שבת אליין ווי די גזירה שוה לערנט אונז.

ב) דארף מען זאגן אז דער וואס לערנט ארויס די גזירה שוה ער לערנט טאקע ארויס די הלכה פון תוס' שבת נישט פון די גזירה שוה, נאר פון יום השישי וואס רעדט נאך פון פרייטיג, און דער אויבערשטער האט דעמאלס מקבל שבת געווען.

ג) אויף דעם איז שווער ווייל איך דארף דאך האבן דעם פסוק פון יום השישי אויף דעם וואס תוס' ברענגט אין מס' ע"ז, אז פון דארט לערנט מען ארויס אז דער אויבערשטער האט זיך אויסגענומען א תנאי אז נאר אויב מ'וועט מקבל זיין די תורה דעמאלס וועט די וועלט שטיין און אויב נישט וועט עס צוריק גיין צו תוהו ובוהו, איז דאך שוין דא וואס מ'לערנט ארויס דערפון און וויאזוי קען מען ארויס לערנען פון דארט די ענין פון תוס' שבת.

ד) אבער דאס ארויס צו לערנען וואס תוס' לערנט ארויס אויף יום "השישי" איז דאך נאר אויב מ'האט געגעבען תורה ביום ו' אבער למעשה אז מ'האט געגעבן די תורה ביום ז' שבת קודש איז נישט שייך פון ביום השישי ארויס צו לערנען אויף מתן תורה.

ה) איז שוין זייער גוט פארענטפערט די קשיא פון פני יושע וואס ער פרעגט וואס וואלט מען ווען געטוהן מיט די גזירה שוה פון זכור זכור אויב מ'וואלט ווען געגעבן די תורה ערב שבת, ווייל אויב מ'וואלט ווען געגעבען די תורה ו' סיון דעמאלס וואלט מען ווען יא געקענט ארויס לערנען פון יום השישי דאס וואס תוס' ברענגט אראפ אויף דעם אין מס' ע"ז, אויב אזוי פון ווי וועט מען ארויס לערנען די ענין פון תוס' שבת, וועט מען מוזען ארויס לערנען תוס' שבת פון זכור און ס'איז נישט איבעריג פאר א גזירה שוה.

ו) סך הכל קומט אויס אז למעשה לערנט מען ארויס תוס' שבת פון יום השישי, אבער פון זכור און גארנישט איז נישט איבעריג לויט דעם ודו"ק.

# תירוץ בדרך חשבון

דער פני יהושע פרעגט א קשיא וואס מ'וואלט ווען געטוהן מיט די גזירה שוה פון זכור זכור ווען מ'וואלט ווען געגעבן די תורה ביום השישי, (עיין בהמאמר הקודם באריכות), ענטפערט דער אסטראווצער גאון בדרך חשבון מיט עטליכע הקדמות ווי פאלגענד:

א) דער ב"ח לערנט אז א טאג איז גרויס פופצען שעה, און די גמרא זאגט דאך אז א נארמאלע מענטש גייט אין א טאג 10 פרסאות, קומט אויס אז אין יעדע פרסה דויערט א שעה און א האלב צו גיין.

ב) אין מס' שבת שטייט אז די אידן זענען צוריק געגאנגען ביי יעדען דיבור וואס דער אויבערשטער האט גערעדט צוועלעף מיל, וואס דאס איז דריי פרסה און די מלאכים האבן זיי צוריק געברענגט, ווייל ס'איז געווען שבת און ס'איז געווען מער ווי א תחום שבת צוגיין, אבער ווען ס'וואלט ווען נישט געווען שבת וואלט'ן זיי אליין צוריק געקומען.

ג) קומט אויס אז דאס גיין פון בארג וואס איז געווען דריי פרסאות און דאס צוריקומען וואס דאס איז אויך געווען דריי פרסאות צוזאמען איז דאס זעקס פרסאות, וואס לויט'ן פריער'דיגען חשבון איז דאס א וועג פון ניין שעה [6 מאהל איינס און א האלב שעה איז ניין שעה] וואס זיי זענען געגאנגען ביי יעדען דיבור וואס זיי האבן געהערט.

ד) ס'איז ידוע אז די דור המדבר פון יענע צייטן זענען געווען אזוי ווי משה רבינו, צען אמות הויך, דריי מאהל אזוי הויך ווי א נארמאלע מענטש, קומט אויס אז פאר זיי צו גיין זעקס פרסאות האט נאר געדויערט א דריטעל צייט ווי א נארמאלע מענטש, און פאר זיי האט עס געדויערט וויפיל ס'דויערט פאר נארמאלע מענטש צו גיין צוויי פרסאות וואס דאס איז דריי שעה, [יעדע פרסה א שעה און א האלב], קומט אויס אז ביי יעדע דיבור וואס זיי האבן געהערט פון אויבערשטען און זיי זענען געגאנגען אהין און צוריק האט אייביג געדויערט דריי שעה.

ה) די פסוק פאנגט אן וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים וכו' און דאס אליין איז אויך געווען א דיבור, ווייל דאס איז כולל אלע אנדערע דיבורים, איז לויט דעם דא ביז די דיבור פון שבת פיר דברות וואס דאס האט געדארפט נעמען צוועלעף שעה ווייל יעדע דיבור האט דאך געדויערט דריי שעה, איז ביז די דיבור פון שבת האט געדויערט צוועלעף שעה.

ו) קומט אויס אז מען וואלט ווען געגעבן די תורה אין שבת, וואלט מען ווען אנגעפאנגען צופרי און ביז מ'וואלט ווען צוגעקומען צו די פערטע דיבור פון שבת וואלט שוין געווען אינמיטן תוספות שבת, אויב אזוי קען מען דעמאלס זייער גוט זאגן די גזירה שוה פון זכור זכור, ווייל די דיבור פון זכור את יום השבת איז געזאגט געווארען אין שבת אליין, ווייל אפילו מ'האט אנגעפאנגען פרייטיג אבער די דיבור פון שבת האט מען שוין געזאגט שבת אין דעם טאג אליין.

ז) איז זייער גוט פארענטפערט די קשיא פון פני יהושע, וואס מ'ווערט טוהן מיט די גזירה שוה אויב מ'וואלט ווען געגעבען די תורה פרייטיג, ווייל די דיבור פון שבת וואלט מען סיי ווי סיי דעמאלס אויך ווען געגעבען אין שבת קודש.

# שמחת יו"ט

די גמרא זאגט (פסחים סח) ר' אליעזר האט געזאגט אז ביי א יו"ט דארף זיין כולו לה', - נאר דינען דעם אויבערשטען, און ר' יושע האט געזאזט אז מ'דארף עס צוטיילען אין העלפט, העלפט פאר'ן אויבערשטען און העלפט פאר דיר, פארוואס? ווייל אין דעם טאג האט דער אויבערשטער געגעבען די תורה, איז רש"י מסביר ווייל מיט דעם ווייזט מען אז מ'פרייט זיך מיט די תורה וואס דער אויבערשטער האט געגעבען.

ווייטער זאגט די גמרא אז מר בריה רבינא איז א גאנץ יאר איז ער געזעסן בתענית, אויסער שבועות און פורים, ערב יום כיפור, און ער האט געזאגט אז שבועות קען ער נישט פאסטען ווייל אין דעם טאג האט מען געגעבען די תורה.

דער בני יששכר איז מסביר דער טעם פארוואס אין דעם יו"ט פאסט מען נישט, לכאורה וואלט מען יא געדארפט פאסטען און זיצען אין ביהמ"ד א גאנצען טאג און לערנען, נאר זאגט ער אז ס'שטייט אין מדרש אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט מיט די צוויי וועלטען, יעקב האט גענומען יענע וועלט, און עשו האט גענומען דער וועלט, אויב אזוי איז שווער צו פארשטיין וויאזוי מעגען מיר עסן אויך דער וועלט, אלעס באלאנגט דאך פאר עשו, און וואס מיר עסן איז דאך לכאורה גניבה, נאר, די גמרא זאגט אז ווען נישט דעם וואס די אידן נעמען די תורה וואלט די וועלט ח"ו חרוב געווארען, קומט אויס אז מיט דעם וואס מיר האבן גענומען די תורה האבן מיר מציל געווען די גאנצע וועלט, און די הלכה איז ווען איינער ראטעוועט א חפץ פון וואסער איז עס זיינ'ס ווייל ווען נישט אים וואלט עס נישט געווען, און ממילא ווייל מיר האבן גענומען די תורה האבן מיר דאך גערעטעוועט די וועלט, ממילא מעג מען עסן אפילו ס'באלאנגט פאר עשו, ווייל מיר האבן עס גערעטעוועט, אויב אזוי טאקע וועגן דעם אין די טאג פון מתן תורה דארף מען עסן, צו ווייזן אז די גאנצע טעם פארוואס מיר עסן איז צוליב די תורה.

אין די פוסקים ווערט געברענגט אז מ'טאר נישט פאסטען אין שבועות, כאטשיג די הלכה איז אז שבת קודש מעג מען יא פאסטען א תענית חלום, ד.מ. אז איינער חלומ'ט א שלעכטע חלום איז די בעסטע סגולה אז ער זאל פאסטען דוקא דעם טאג וואס ער האט ג'חלומ'ט, און ווי די גמרא דריקט זיך אויס "יָפֶה תַּעֲנִית לַחֲלוֹם כְּאֵשׁ לִנְעוֹרֶת", אז א תענית הארגעט אוועק א חלום אזוי ווי שטרוי ווערט פארברענט אין פייער, און שבת מעג מען טאקע פאסטען, אבער אין יו"ט שבועות טאר מען נישט פאסטען.

דער טעם שטייט אין חתם סופר ווייל ס'שטייט אין ספר "תורת חיים" אז דער טעם פארוואס ווען די כהנים דוכנ'ען איז מסוגל צו צושטערען די שלעכטע חלומות, ווייל די גמרא זאגט אז א חלום איז א זעכציג'סטעל פון א נבואה, און אזוי ווי ווען די כהנים דוכענען איז עס א בחינה פון א נבואה, דערפאר קען עס מבטל זיין שלעכטע חלומות, זאגט דער חתם סופר אז אין יו"ט שבועות ווען מ'האט געגעבען די תורה איז נאך אסאך שטערקער די ענין פון נבואה, ווייל דעמאלס האבן מיר פון אויבערשטען אליין געהערט די תורה, און ווייל ס'איז העכער פון א נבואה דארף מען נישט מורא האבן פון א שלעכטע חלום, וואס איז נאר א זעכציג'סטעל פון א נבואה, און דערפאר איז די הלכה אז מ'טאר נישט פאסטען אין שבועות.

די גמרא זאגט (פסחים סח) אז רב יוסף האט זיך זייער געפרייט אין יו"ט שבועות, און דערפאר האט ער געהייסען מ'זאל אים ברענגען א ספעציעלען גוטען קאלב, וואס איז געבוירען די דריטע פון די מאמע, און ער האט אויסגערופען **אִי לָאו הַאי יוֹמָא** - ווען נישט דער טאג פון מתן תורה, **כַּמָּה יוֹסֵף אִיכָּא בְּשׁוּקָא**, וואלטען געווען אסאך יוסף'ס אזוי ווי איך, און יעצט אז ס'איז דא א תורה קען איך לערנען און איך בין אויסגעוואקסען א "רב יוסף".

נאך א טעם שטייט פארוואס מ'דארף עסן סעודות אין יו"ט שבועות, ווייל ווען משה רבינו איז ארויפגעקומען נעמען די תורה, און די מלאכים האבן עס געוואלט האבן, האט ער זיי גענטפערט אז זיי דארפען נישט די תורה ווייל זיי האבן נישט קיין יצר הרע, און גארנישט קיין גשמיות זאכן און מיר האבן יא, קומט אויס אז מ'האט נאר זוכה געווען צו די תורה ווייל מ'האט גשמיות, דערפאר עסט מען טאקע א סעודה יו"ט צו ווייזן אז מיר האבן אויך די חלק פון גשמיות.

# מאכלי חלב

**דעם ערשטן טאג יום טוב איז א מנהג צו עסן מילכיג, עס זענען שוין פארגאסן געווארן אסאך טינט דערויף, מיר האבן דא צוזאמגענומען דערויף עטליכע שיינע טעמים און רמזים, ואלו הן:**

א) דער **רמ"א** (סי' תצ"ד) ברענגט א טעם אויף דעם מנהג, כדי מען זאל עסן צוויי ברויטן, איינס פאר מילכיג און איינס פאר פליישיג, און דורך דעם וועט זיין א זכר פאר די שתי הלחם וואס מען האט מקריב געווען אין שבועות.

ב) ס'איז אזוי ווי מ'מאכט פסח א זכר מיט די צוויי תבשילין, איינס זכר לפסח און איינס זכר לחגיגה, די זעלבע מאכן מיר שבועות א זכר צו די שתי הלחם וואס מ'האט מקריב געווען שבועות, און לויט דעם דארף מען עסן לחם ממש ווי ס'שטייט אין שולחן ערוך.

ג) דער **באר היטב** ברענגט א טעם, כדי צו ווייזן אז מיר עסן נישט בשר בחלב צוזאמען אזוי ווי די מלאכים האבן געגעסן ביי אברהם אבינו, ווייל ווען משה רבינו איז ארויף געגאנגען נעמען די תורה האבן די מלאכים גע'טענה'עט אז מ'זאל זיי געבען די תורה, האט דער אויבערשטער אים אויסגעמאלען ער זאל אויסזעהן אזוי ווי אברהם אבינו, און ער האט זיי געזאגט נישט ביי אים האט איר געגעסן מילך און פליישיג, און איר ווילט נאך נעמען די תורה? זענען זיי שטיל געבליבן האט דער אויבערשטער געזאגט זעהסט אין זכות פון אברהם אבינו האט איר באקומען די תורה, לזכר דעם אז אין זכות פון מילך האבן מיר באקומען די תורה עסט מען מילכיג.

אגב, אינטערעסאנט אז אין ספר הקדוש **נועם אלימלך** שטייט אין פרשת וירא אז אין שבועות האבן מיר א הלכה אזוי ווי מלאכים און מ'דארף נישט ווארט'ן צווישען מילכיג און פליישיג א האלבע שעה, אזוי ווי די מלאכים.

ד) מיר מאכן מיט דעם א סיום צו די מצוה פון ספירת העומר וואס מיר האבן געענדיגט, און מ'דארף עס מאכן מיט מילכיג ווייל אויב מ'וועט עס מאכן מיט פליישיג וועט מען גארנישט דערקענען אז דאס איז א באזונדערע סעודה פאר די מצוה פון ספירת העומר.

**עטרת ישועה - מדרש פנחס**

ה) אויף די תורה שטייט **דְּבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנֵךְ** די תורה איז איז אזוי ווי מילך, דערפאר און דעם טאג פון קבלת התורה עסן מיר מילכיג.

**כל בו**

ו) מילך ווייזט אויף חסד ווייל עס איז א ווייסע פארב, און דאס וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די תורה איז נאר מצד החסד, ווי ס'שטייט אין תוי"ט מס' ברכות אז וועגן דעם זאגט מען אויף די תורה די ברכה **בָּרְכוּ אֶת ה'** א לשון רחמים ווייל די תורה האט מען געגעבן מיט חסד, און דאס איז די רמז פון מילך ווי די ר"ת פון **ל**הגיד **ב**בוקר **ח**סדך איז **חלב**.

**בני יששכר**

ז) די תורה איז געגעבן געווארען שבת און דעמאלס האט מען גע'אסר'ט די בהמות טמאות וואס ביז דעמאלס איז עס געווען מותר, און אויף איינמאל האט מען געדארפט כשר'ן אלע כלים און דאס האט מען נישט געקענט טוהן אין שבת האט מען געגעסן מילכיג, ולזכר זה טוען מיר אויך אזוי.

**גאולת ישראל**

ח) ווייל ס'שטייט אין מדרש אז די בארג סיני האט זעקס נעמען און איינס פון די נעמען איז "**הַר גַּבְנוּנִים**" וואס איז א לשון פון **גבינה** - קעז ולזכר זה עסן מיר מילכיג'ס אין שבועות יום מתן תורה.

**הגה"ק ר' שמשון מאוסטראפאלא זי"ע**

ט) די תורה קען מען נישט לערנן נאר ווען איינער איז בשפלות, אזוי ווי ס'שטייט אז די תורה ווערט אנגערופן מים, ווייל פונקט ווי וואסער גייט נאר פון אויבערשטע פלעצער אויף אראפ, אזוי אויך די תורה

גייט נאר ווער ס'האלט זיך קליין, און וועגן דעם פלעגט מען אמאל לערנן אויף די ערד, איז וועגן דעם עסט מען מילכיג'ס וואס דאס איז א מאכל קטנות נישט אזוי ווי פלייש כדי מרמז צו זיין אז מען קען נאר קונה זיין די תורה אויב מען האלט זיך קליין.

**הרה"ק ר' פנחס מקאריץ זי"ע**

י) לכאורה וואלט מילכיג'ס געדארפט זיין אסור באכילה ווייל עס איז "אבר מן החי", ווייל עס איז דאך פירש מן הבהמה כשהיא חיה, נאר די גמרא לערנט ארויס פון פסוק "ארץ זבת חלב ודבש" אז חָלָב האט נישט קיין איסור פון אבר מן החי. און א בן נח איז דאך אסור באבר מן החי, קומט אויס אז פאר קבלת התורה האט מען נישט געטארט עסען קיין מילכיג'ס, ווייל מען האט נאך נישט געהאט דעם פסוק פון "ארץ זבת חלב ודבש", נאר נאך קבלת התורה קענען מיר שוין עסן מילכיג'ס, דעריבער אלס א זכר צו דעם עסען מיר מילכיג'ס אין דעם טאג פון קבלת התורה.

**חתם סופר**

יא) נאך א רמז שטייט לויט'ן פסוק מִנְחָה חֲדָשָׁה לה' בְּשָׁבֻעֹתֵיכֶם איז ר"ת חלב, דאס איז מרמז אויף די מנהג פון עסן מילכיג'ס אין שבועות ווי ס'איז מרומז אין די תורה.

**רוקח**

יב) מ'זעהט ביי יעדע יו"ט אז קודם מאכט מען עפעס א דבר שפלות ווי פאר פסח פאסט מען תענית בכורים, און פאר סוכות איז יום הכיפורים אבער פאר שבועות איז גארנישט דא דערפאר עסט מען מילכיג'ס וואס דאס ווייזט אויף א מאכל פון שפלות ווייל אמאלגע צייטן פלעגט א ארימאן וואס האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפען פלייש פלעגט ער קויפען מילכיג'ס וואס איז געווען ביליגער.

יג) די שס"ה מצוות "לא תעשה" פון די תורה זענען אקעגן די 365 טעג פון יאר. און דער לאו פון "לא תבשל גדי בחלב אמו" איז די 66 לאו, און שבועות איז 66 טעג פון ראש חודש ניסן, קומט אויס אז שבועות איז מרמז אקעגן די מצוה, דערפאר עסט מען דוקא פליישיג און מילכיג, צו ווייזן אז מיר היטן אפ דעם לאו פון בשר בחלב.

**שערי תשובה**

יד) די נאטור פון מילך איז, אז ס'האלט זיך נאר אין ערדענע כלים און נישט אין גאלדענע און זילבערנע כלים. דעריבער עסט מען מילכיג'ס אין שבועות מרמז צו זיין אז די תורה האלט זיך בלויז אין בני עניים און נישט אין די זילבערנע אין גאלדענע מענטשן.

**עוללות אפרים**

טו) מען טרעפט נישט קיין שום מאכל אזוי ווי מילך וואס דאס שפייזט דעם מענטש און האלט אים, ווי מ'זעט אז א קינד וואקסט אויף פון מילך וואס ער טרינקט, דערפאר עסט מען דאס אין שבועות מרמז צו זיין אז די תורה גיבט כח פאר א מענטש, און די תורה איז די עיקר חיות פון א מענטש אזוי ווי עס שטייט אויף די תורה: "עץ חיים הוא".

**אמרי נועם**

טז) אין פסוק שטייט נאנט "**ראשית ביכורי אדמתך תביא בית ה'**", נעבן "**לא תבשל גדי בחלב אמו**", דאס איז מרמז אז אין חג הביכורים עסט מען מילכיג'ס.

**של"ה הקדוש**

יז) חלב איז בגימטריא 40 דאס איז א רמז אויף די תורה שבעל פה וואס משה רבינו האט באקומען נאך 40 טעג זיין אין הימל, אויך איז די תורה שבעל פה פון משה רבינו ביז רב אשי געווען 40 דורות, אויך רבינו הקדוש פאנגט אן זיין משניות מיט א מ"ם, מאימתי, און ענדיגט מיט א מ"ם בשלו"ם, דערפאר עסן מיר חלב אין דעם יו"ט מרמז צו זיין אז מען האט מקבל געווען סיי די תורה שבכתב און סיי די תורה שבעל פה.

**זרע קודש**

יח) פיטער און קעז זענען גאר ווייכע מאכלים, דערפאר עסט מען דאס אין יו"ט שבועות מרמז צו זיין אז א אידיש קינד וואס וויל זוכה זיין צו תורה דארף ענטהאלטן די מדות טובות פון ווייכקייט און רחמנות, ווי חז"ל זאגן "**לעולם יהא אדם רך כקנה ואל יהא קשה כארז**".

**מהר"ש מסלאנים ז"ל**

# שטיחת עשבים

## עשבים בבית המדרש

דער **רמ"א** ברענגט, אז עס איז א מנהג ישראל אויסצושפרייטן גראז אין שוהל און אין די הייזער, אלס זכר צו מתן תורה וואס איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני וואס איז געווען באוואקסן מיט גראז, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות לד ג) "גַּם הַצֹּאן וְהַבָּקָר אַל יִרְעוּ אֶל מוּל הָהָר הַהוּא" פארשטייט מען אז עס איז געווען דארט גראז.

נאך א טעם, ווייל די גמרא זאגט אז מיט יעדע ווארט פון די עשרת הדברות וואס השי"ת האט געזאגט, איז די גאנצע וועלט געווארן פיל מיט א ריח בשמים. און וועגן א זכר צו דעם שפרייט מען אויס שמעקעדיגע גראז שבועות.

**דרשות חתם סופר**

נאך א טעם, ווייל משה רבינו איז געבוירן ז' אדר, קומט דאך אויס אז אין יו"ט שבועות איז משה אלט געווען דריי חדשים, און זיין מאמע האט אים מער נישט געקענט באהאלטן, האט זי אים באהאלטן צווישן די גראז, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "ולא יכלה עוד הצפינו... ותשם בסוף על שפת היאור", און אזוי איז ער געבליבן לעבן, דערפאר שפרייטן מיר אויס גראז אין דעם יו"ט צו מאכן א זכר אויף דעם נס.

**הגאון ר' מרדכי באנעט ז"ל**

דער מנהג ווערט שוין דערמאנט אין מגילת אסתר **תרגום שני**, אלס די לשון הרע וואס המן הרשע האט גערעדט צו אחשוירוש אז זיי שפרייטן אויס גראזן און ביימער אין זייער ביהמ"ד ביומא דעצרתא.

## אילנות בביהמ"ד.

דער **מגן אברהם** ברענגט אז עס איז א מנהג אויפצושטעלן ביימער אין שוהל, און אין די הייזער, כדי דורכדעם צו געדענקען וואס די משנה זאגט, אז שבועות איז מען דָן אויף די פירות פון די ביימער, מְמֵילָא וועט מען מתפלל זיין דערויף.

מיר שפרייטן אויס ליידיגע ביימער אין ביהמ"ד, מרמז צו זיין אז יעדער אן אויסנאם קען זוכה זיין צו קבלת התורה אפגעזען אויף די ביז איצטיגע אינהאלט, מכאן ולהלבא קען ער זוכה זיין צו קבלת התורה.

**חתם סופר**

## פרחים ושושנים.

אזוי אויך איז דער מנהג צו קויפן פארשידענע סארט בלומען, בפרט רויזן.

עס שטייט אין **בני יששכר** (מאמר ד') דער טעם לויט'ן מדרש, אז כנסת ישראל וואס האט מקבל געווען די תורה זענען חשוב ביים רבוש"ע כְּשׁוֹשַׁנָּה בֵּין הַחוֹחִים (אזוי ווי א רויז צווישן דערנער).

אין אלשיך הקדוש שטייט אז דא מעשה פון וילך ראובן בימי קציר חיטים צו קלויבן דודאים בשדה, איז געווען אין שבועות, ווייל נישט אומזיסט דערציילט די תורה פונקטליך ווען דאס האט פאסירט, דערפאר שפרייט מען אויס רויזן וואס זעט אויס ווי דודאים מרמז צו זיין אויף די דודאים וואס דורכדעם איז יששכר געבוירן געווארן וואס ער איז געווען דער עמוד התורה.

**בית ישראל**

# דברי תורה לכבוד יום טוב

**אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים וגו׳ והייתם לי סגולה מכל העמים.**

דעם פסוק איז שווער צו פארשטיין, פארוואס צווישען די פילע ניסים וועלכע זענען געטאן געווארן פאר די אידן רעכנט דער פסוק אויס נאר דעם נס פון ואשא אתכם על כנפי נשרים.

ענטפערט דער רבי זי״ע, מיט'ן תרגום יונתן וואס זאגט, אז ואשא אתכם על כנפי נשרים מיינט אז פאר יציאת מצרים האט השי״ת אלע אידן געפירט מיט וואלקענעס צום מקום המקדש צו מאכן דעם קרבן פסח, און דערנאך האט זיי השי״ת תיכף צוריקגעפירט קיין מצרים. און דאס קען זיין די כוונה פונעם פסוק, אז ווען השי״ת האט זיי צוגעזאגט והייתם לי סגולה, אז זיי וועלן זיין דאס מערסטע באליבט פאר השי״ת, זאלן זיי נישט טראכטן אופנים ווי אזוי זיך צו מאכן נאך מער באליבט און זיך אליין אויסלייזן פונעם גלות. דערפאר האט השי״ת מקדים געווען: אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים, איר האט דאך געזען וואס איך האב געטאן פאר די מצריים וואס דורכדעם האבן זיך די מצריים שוין געבעטען אז די אידן זאלן ארויסגיין, און אויך ואשא אתכם על כנפי נשרים איך האב אייך גאר געפירט קיין ירושלים, און דאך האב איך אייך צוריקגעקערט קיין מצרים, ווייל מען טאר נישט מקדים זיין די גאולה אפילו נישט מיט איין איינציגע רגע, און אפילו במחשבה טאר מען נישט טראכטן אז מען קען מקדים זיין די גאולה פאר'ן באשטימטן זמן, ווייל דאס בלויזע טראכטן דערפון איז כפירה, נאר מען דארף וויסן אז מען דארףווארטן ביז דער גואל צדק וועט קומען בב״א.

**(דברי יואל יתרו, דף פ״ז)**

**ועתה אם שמוע תשמעו בקולי.**

לכאורה וואלט זיך בעסער געפאסט דער לשון ועתה אם תקיימו מצותי, אדער ועתה אם תעשו מצותי, ווייל די שמיעה אליין אן מקיים זיין איז דאך גארנישט ווערט.

נאר, זאגט דער רבי זי״ע, מיר געפינען אויף א סאך פלעצער, אז די אידן האבן מקיים געווען די תורה נאך פאר מתן תורה, ממילא איז דער עיקר אז פון יעצט אן ווערט מען באפוילן מקיים צו זיין די מצוות, וואס די גמרא זאגט דאך גדול המצווה ועושה די מצוה האט מער חשיבות ווען מען איז באפוילן דערויף. און דאס זאגט דער פסוק ועתה אם שמוע תשמעו, איר וועט שוין הערן א ציווי און אזוי וועט איר דאס מקיים זיין, דעמאלס וועלן קומען אויף אייך די פילע ברכות וועלכע שטייען דא אין פסוק.

**(רביה״ק זצ״ל - יום ב׳ דשבועות תשט״ז)**

**אנכי ה׳ אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים**

**זאגט** דער מדרש אז ווען דער אויבערשטער האט געזאגט **״אנכי ה׳ אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים״** האט משה געמאכט די ברכה **״שלא עשני גוי״.**

**מ׳קען** זאגן פשט אינעם מדרש, לויט ווי די גמרא זאגט אז ווען די אידן האבן געדארפט אריבער גיין די ים סוף האט ער זיך נישט געוואלט שפאלטן פאר די אידן , און האט גע'טענה'ט אז אויך די אידן האבן געדינט עבודה זרה פונקט אזוי ווי די מצריים, האט איהם דער אויבערשטער געזאגט ס'איז א גרויסע חילוק פון א שוגג צו א מזיד די אידן האבן געדינט די עבודה זרה בשוגג, און די מצריים האבן זיי געצווינגן צו זיין שלעכט, אבער די מצריים האבן געדינט ע״ז במיזד

,און האבן נישט געגלייבט אין מיר האט זיך דער ים געשפאלטן.

די גמרא זאגט אז אין אמתן וויל יעדער איד זיין ערליך און גוט , נאר די יצר הרע לאזט נישט, און פארדרייט דעם קאפ פונעם מענטש, די זעלבע איז געווען מיט די אידן אין מצריים, טיף אין הארץ האט יעדער געוואלט דינען דעם אויבערשטן נאר דער יצר הרע האט זיך געשטארקט אויף זיי,און זיי האבן געדינט די ע"ז.

לויט דעם איז אזוי פשט אין פסוק אנכי ה' אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים איך בין דער אויבערשטער וואס האט דיך ארויס געצויגן פונעם לאנד מצרים, איז דאך שווער די קשיא, וואס דער ים האט געפרעגט די אידן האבן אויך געדינט ע"ז, און פארוואס זענען זיי אנדערש פון די מצרים? אויף דעם איז דער תירוץ אז אידן האבן געדינט ע"ז בשוגג און באונס און באמת האבן זיי געוואלט זיין ערליך, נאר דער יצר הרע האט זיי נישט געלאזט אבער די גוים האבן געדינט ע"ז במזיד און ברצון, דערפאר קומט יא פאר די אידן אז זיי זאלן אויסגעלייזט ווערן פון מצרים דערפאר האט משה רבינו געמאכט די ברכה "שלא עשני גוי" אז די אידן זענען נישט אזוי ווי די גוים וויל די אידן משפט מען נישט אזוי ווי די גוים נאר זייערע עבירות ווערן גערעכנט ווי שוגגים און אונסים.

**(עצי חיים)**

**אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים.**

די מפרשים פרעגן פארוואס האט נישט השי"ת ענדערש געזאגט **אנכי ה' אלקיך "אשר בראתיך"**.

**זאגט** דער רבי זי"ע, אז מען קען דאס פארשטיין לויט וואס עס ווערט געברענגט, אז דער עיקר יציאת מצרים איז געווען ארויסצוגיין פון די מ"ט שערי טומאה און אריינקומען אין די שערי קדושה. און אויף דעם דארף דער מענטש שטענדיג ארבעטן זיין גאנץ לעבן ארויסצוגיין פון די טומאה צו די קדושה.

**און** די גמרא זאגט דאך, אז זיך מתגבר זיין קעגן יצר הרע דארף מען שטענדיג האבן די הילף פון השי"ת.

**דערפאר** האט השי"ת נישט געוואלט זאגן אשר בראתיך וואס דאס איז געווען נאר איינמאל בשעת די בריאה, נאר ער האט אויסגעקליבן אשר הוצאתיך מארץ מצרים וואס דאס איז שייך שטענדיג. ווייל שטענדיג דארף מען האבן די הילף פון השי"ת ער זאל אונז ארויסציען פון טומאת מצרים.

**(חידושי תורה מרביה"ק זצ"ל דף קמ"ה)**

**אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו.**

**דארף** מען פארשטיין פארוואס זאגט מען נישט אויך ביי די ערשטע ברכה תורת "אמת", אזוי ווי ביי די צווייטע ברכה ונתן לנו תורת אמת.

**ענטפערט** דער רבי זי"ע, ווייל די גמרא זאגט דאך (מגילה י"ט) אז פאר'ן לערנען ווערט די תורה אנגערופן די תורה פון השי"ת, אבער נאכ'ן לערנען, ווערט דאס שוין אנגערופן אויפ'ן מענטש.

**דערפאר,** פאר'ן לערנען ווען עס איז נאך השי"ת'ס תורה, דארף מען נישט זאגן תורת אמת, ווייל דאס איז זיכער א תורת אמת, אבער נאכ'ן לערנען ווען עס איז שוין דעם מענטשנ'ס תורה, קען שוין חלילה זיין א תורה וואס איז נישט אמת, דעם מענטשענ'ס תורה קען זיין מיט פאלשע פשטים, דערפאר דארף מען זאגן תורת אמת.

**(רביה"ק זצ"ל - יום א דשבועות תשט"ז)**

**אמר ר' אלעזר הכל מודים וכו'**

די גמרא זאגט (מסכת שבת) **אמר ר' אלעזר הכל מודים** יעדער איז מודה **בעצרת** אז יו"ט שבועות **דבעינן נמי לכם** דארף מען אויך עסן א סעודה. פרעגט די גמרא **מאי טעמא**? וואס איז דער טעם ? ענטפערט די גמרא,

**יום שניתנה בו תורה.** ווייל אין דעם טאג האט מען געגעבן די הייליגע תורה. וועגן דעם דארף מען מאכן א סעודה.

דארף מען דאך פארשטיין. עס וואלט גע‍דארפט זיין פונקט פארקערט, אז ווייל דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה וואלט מען גע‍דארפט א גאנצן טאג לערנען, נישט מאכן א סעודה ?

נאר מען קען דאס פארענטפערין. עס שטייט אין פסוק: **אָדָם לְעָמָל יוּלָּד** א מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו פלאגן, דרש'נט די גמרא: מען קען זיך אבער אויסוועלן אויף וואס זיך צו פלאגן. **אם לעמל תורה** אדער פלאגט ער זיך אויף לערנען די הייליגע תורה, [ד. ה. אפילו עס איז שווער, ער פארשטייט נישט דאס לערנען, וועט ער אוועק געבן זיין שלאף צו פארשטיין דאס לערנען], אם לעמל מלאכה, אדער פלאגט ער זיך אויף פרנסה, [ד. ה. ער וועט ארבייטן שווער צו ברענגן פרנסה].

דער מענטש וואס קלויבט זיך אויס זיך צו פלאגן אויף תורה דער דארף זיך שוין נישט פלאגן אויף פרנסה, ווייל ער פלאגט זיך שוין אויף עפעס. ממילא וועט ער האבן פרנסה אָן זיך פלאגן.

וועגן דעם ביי יו"ט שבועות וואס דעמאלט האבן די אידן מקבל געווען די הייליגע תורה און זיי פלאגן זיך אויף די תורה, דארפן זיי דאך האבן פרנסה אָן זיך צו פלאגן. וועגן דעם איז יעדער מודה אז מען דארף מאכן א סעודה.

**כ"ק מרן רבינו שליט"א**

**זכור את יום השבת לקדשו.**
מען דארף פארשטיין, פארוואס ביי די עשרת הדברות אין פרשת יתרו שטייט זכור, און אין פרשת ואתחנן שטייט שמור.

נאר, זאגט דער רבי זי"ע, אז מען קען דאס פארשטיין לויט'ן מדרש רבה (פ' תשא) וואס זאגט, אז פון מתן תורה ביז צום חטא העגל זענען די אידן געווען אין די מדריגה פון לעתיד לבוא, וואס דעמאלטס איז אפילו אינדערוואכן נישט שייך געווען קיין שום מלאכה, דערפאר איז נישט שייך געווען דער לשון שמור וואס מיינט אז מען זאל נישט ארבעטן, ווייל מען ארבעט דאך ממילא נישט. דערפאר שטייט דער לשון זכור, וואס דאס איז טייטש אז מען זאל געדענקען דעם שבת קודש. אבער שפעטער אין פרשת ואתחנן וואס דאס איז שוין געווען נאכ'ן חטא העגל ווען עס איז שוין יא שייך געווען א מלאכה, שטייט שוין שמור, אז מען זאל אפהיטן שבת קודש און נישט ארבעטן.

**דברי יואל**

**נעשה ונשמע אמרו כאחד.**
לכאורה איז דאך שווער א קשיא אויב די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע פון זייער אייגענע ווילן אז זיי גייען אנ'נעמען די תורה פארוואס האט אויסגעפעלט זיי צו צווינגען מיטן אויפהייבן די בארג העכר זיי?

נאר מען קען דאס פארענטפערן אז מען האט טאקע נישט גע‍דארפט צווינגען די אידן אז זיי זאלן מקבל זיין די תורה. אבער די באשעפער האט געוואלט געבן פאר די אידן א תירץ אז אויב ח"ו זיי וועלן זיך נישט אויפ'פירן ערליך און מען וועט זיי מוזן שטראפן זאלן זיי זיך קענען פארענטפערן אז מען האט אונז געצווינגען אנצונעמען די תורה במילא קומט אונז נישט קיין שטראף פארן נישט איינהאלטן די תורה.

**דברי יואל**

**בחדש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים. רש"י: שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאילו היום נתנו.** (שמות יט-א)

ווען א איד וויל זיך זעצן לערנען תורה, קומט שטענדיג דער יצר הרע און גיבט איהם אריין א שלעכטע געפיהל אין הארץ אז ער וועט סייווי נישט קענען לערנען, ווייל ביז יעצט האט ער גארנישט געלערנט. און דאס ברענגט איהם צו "יאוש" און דורך דעם הערט ער אויף אינגאנצען צו לערנען. דערפאר דארף מען זעהן אזוי ווי די תורה איז היינט געגעבן געווארן ווי נייע, און ער הייבט יעצט אהן צו לערנען צום ערשטן מאהל אזוי ווי יעדער איינער.

**(מהר"ש מבעלזא זי"ע)**

**ומשה עלה אל האלקים. רש"י: כל עליותיו בהשכמה היו.**

משה רבינו האט זוכה געווען אז די תורה איז געגעבען געווארן פונקט דורך איהם, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער עניו, ווי דער פסוק זאגט "והאיש משה ענו מאד מכל האדם", ער האט אויסבאהאלטען זיינע מעלות און מדות פון יעדען איינעם, און דעריבער ווען ער האט געדארפט ארויף גיין אין הימל צום באשעפער, האט ער עס געטוהן בהשכמה - בסוד, ווען מענטשען זעהען נישט.

דאס איז פשט, "**ומשה עלה אל האלקים**", ווייל רש"י מסביר זיין פארוואס פונקט משה, זאגט רש"י ווייל "**כל עליותיו**", דאס וואס ער איז נתעלה געווארן ארויף צו גיין איז, ווייל "**בהשכמה היו**", ער האט זיך אויסבאהאלטען בהשכמה, צוליב זיין גרויס עניוות.

**(ברית אברם)**

**כה תאמר לבני ישראל ... אתם ראיתם את אשר עשיתי למצרים וגו׳ ועתה אם שמוע תשמעו בקולי.**

מען קען זאגן א כוונה, לויט ווי די גמרא זאגט, אז רבה האט יעדן טאג פאר'ן לערנען, געזאגט פאר זיינע תלמידים א מלתא דבדיחותא, ליסטיג צו מאכן די תלמידים, אבער נאכדעם איז ער מיט די תלמידים געזעצען באימה וביראה ביים לערנען, ווייל ווען א מענטש איז טרויעריג, איז דער קאפ נישט גענוג אפען אויפצונעמען לערנען, האט ער זיי קודם געוואלט משמח זיין. לפי זה, קען מען דאס מפרש זיין אין די פסוקים, "**כה תאמר לבני ישראל אשר עשיתי למצרים**" **וגו׳** וואס דאס איז א זאך פון שמחה (ווייל מען איז ארויס פון מצרים) ווי א מלתא דבדיחותא, "**ועתה**" יעצט אז איך האב אייך שוין אויפגעלעבט, "**אם שמוע תשמעו בקולי**" קענט עטץ צוהערען דאס לערנען.

**(בני יששכר)**

**כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל.**

זאגט די גמרא, "בית יעקב", אלו הנשים, און "בני ישראל" מיינט מען די מענער. איז שווער, פארוואס זאל מען פריער רעדן צו די ווייבער. נאר ווי באוואוסט, זענען די מאמעס די וואס זענען איינדרעהיים מיט די קליינע קינדער, און זיי זענען די ערשטע מחנך די קינדער צו תורה און מצות. דערפאר זאגט דער פסוק, "**כה תאמר לבית יעקב**", אלו הנשים, "**ותגיד**", ווייל זיי זאלן זאגן, "**לבני ישראל**", צו די יודישע קינדערלעך ווי אזוי זיך צו פירן.

**(מהרש"א)**

**אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל.**
**רש"י לא פחות ולא יותר.**

מען קען זאגן בדרך רמז, ווייל ס'איז ידוע ווי די מוסר ספרים זענען מגנה די מדה פון גאות, ווי די ערגסטע פון אלע מדות רעות, און תורה קען מען נאר קונה זיין אויב מען האלט זיך בענוה. אבער ווען עס

קומט צו עבודות השם, וויל דער שטן דיר מאכן דעם מענטש פאר אן עניו, און זאגן "ווער בין איך צו גיין דאווענען פאר'ן באשעפער, אדער לערנען תורה", דאן מוז מען זיך אננעמען במדת גאות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ויגבה לבו בדרכי ה'**, און זיך מחזק זיין, אז השי"ת וויל יא דיין עבודה און דיין תורה.

דאס האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה רבינו פאר מתן תורה "**לא פחות**" מען זאל זיך נישט האלטן צו נידריג, "**ולא יותר**", און נישט מער ווי דאס ביסל גאות פון "**ויגבה לבו בדרכי ה'**", ווייל נאר ביי אן עניו האלט זיך די תורה הקדושה.

(עטרת שלמה)

**וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמור. רש"י: מלמד שהיו עונין על הן הן, ועל לאו לאו. (שמות כ-א)**

אויף די מצוות "**עשה**" האבן די יודן געענטפערט: "**יא**", און אויף די מצוות "**לא תעשה**" האבן זיי געענטפערט: "**ניין**". איז לכאורה שווער, די גמרא זאגט דאך אז די ערשטע צוויי דברות: "**אנכי ה' אלקיך**" און "**לא יהיה אלהים אחרים**" איז געזאגט געווארן אויף איינמאל. אויב אזוי וואס האבן די יודן געענטפערט אויף דעם? [ווייל אויף אנכי ה' אלוקיך וואלטן זיי געדארפט ענטפערן "יא" און אויף לא יהיה לך וואלטן זיי געדארפט ענטפערן "ניין" אז זיי וועלען נישט דינען קיין אפגעטער]

נאר די תירוץ איז, אז ווען די יודן האבן געזעהן אז מען קען נישט ענטפערן אויף די צוויי מצוות א איינציגע תשובה, האבן זיי אויסגעשריגן "ה' אלקינו ה' אחד"! וואס דאס איז א גוטע ענטפער אויף ביידע מצוות.

מיט דעם קען מען טייטשן וואס מיר זאגן אין די זמירות "ובאו כולם בברית יחד" ווען די יודן האבן געזען אז זיי באקומען איין ברית פאר אנכי און פאר לא יהיה לך, האבן זיי נישט געקענט ענטפערן הן אדער לאו, דערפאר "ופתחו וענו ה' אחד" האבן זיי באלד אויסגעשריגען: "ה' אחד", וואס מיט דעם זאגן זיי א תשובה אויף ביידע שאלות.

(מהר"ש מבעלזא זי"ע)

**ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע. (שמות יט-ח)**

צווישן די תרי"ג מצוות זענען דא מצוות וואס זענען נישט שייך פאר אלע אידן. ווי צום ביישפיל מצוות פון כהנים אדער לוים, מצוות פון א מלך ישראל אדער א כהן גדול. אבער ווען אידן זענען באחדות, איז דאס גאנצע פאלק ווי איין מענטש און איין נשמה, דאן ווערט גערעכענט די מצוות פון איין איד אויך פאר די אנדערע אידן, און עס איז אזוי ווי אלע אידן זענען מקיים די אלע תרי"ג מצוות.

דאס קען זיין דער רמז אין פסוק: "**ויענו כל העם יחדיו**" אז דאס גאנצע פאלק איז געווען צוזאמען מיט **אחדות** און **ליבשאפט**, דאן: "**ויאמרו כל אשר דיבר ה' נעשה**". - **אלעס** וואס דער אויבערשטער האט באפוילן וועלן מיר טון. ווייל מיר האלטן זיך צוזאמען, און די מצוות ווערן גערעכענט ווי אלע אידן האבן זיי מקיים געווען.

(משך חכמה)

**נעשה ונשמע אמרו כאחד.** (הרוז מזמר "יום שבתון")

דער **בית אהרן** שרייבט פשט און די ווערטער "**נעשה ונשמע אמרו**" ווען די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, "כאחד" האבן זיי עס געזאגט מיט אזא מסירות נפש ווי זיי זאגן "**אחד**" ביי קריאת שמע.

**נעשה ונשמע אמרו כאחד.** (חרוז מזמר "יום שבתון")

לכאורה וואלטן די אידן געדארפט זאגן "אעשה ואשמע" וואס דאס מיינט אז איך וועל טון, און נישט "נעשה" וואס דאס מיינט מיר וועלן טון, ווייל ווי אזוי ווייסט ער אז זיין חבר וויל מקבל זיין די תורה? ענטפערט ר' **בונם מפשיסחא** מיט א משל, אזוי ווי ווען עס זענען דא אסאך מענטשן וואס זיצן צוזאמען אין תפיסה, און זיי האבן נישט צו טרונקן און נישט צו עסן, און איינער קומט נאך אפאר טעג און פרעגט זיי אויב זיי ווילן עסן, ענטפערט יעדער איינער: אוודאי ווילן מיר עסן! ווייל יעדער ווייסט אז זיין חבר איז הונגעריג אפילו אן זיין פרעגן, די זעלבע פאר קבלת התורה זענען די יודן געווען אזוי הונגעריג מקבל צו זיין די תורה, און יעדער האט געוויסט אז זיין חבר וויל מקבל זיין די תורה, דעריבער האבן זיי געקענט זאגן "נעשה ונשמע" בלשון רבים, מיר וועלן הערן און מיר וועלן טון.

**ויתיצבו בתחתית ההר.** (שמות יט-יז)

**מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית.** (שבת פ"ח).

אזוי ווי ווען א מענטש געפונט זיך א לענגערע צייט אין די פינסטערניש, מעג ער נישט פלוצלינג ארויס גיין צו די ליכטיגקייט, ווייל ער קען אינגאנצען פארלירען זיין זעהן. אזוי אויך די אידן, וואס זענען געווען אזוי לאנג אין די פינסטערע טומאה פון **מצרים**, וואלט זיי געשאדט אויב דער אויבערשטער וואלט אויף איינמאל פאר זיי באוויזען די ליכטיגקייט פון די **תורה**. דערפאר האט זיי דער אויבערשטער באדעקט מיט דעם בארג, כדי צו פארשטעלן פון זיי די געוואלדיגע ליכטיגקייט.

**(גדולת מרדכי)**

די גמרא זאגט אין **מסכת שבת** (דף פ"ח) "שכפה הקדוש ברוך הוא עליהם את ההר כגיגית, ואמר להם: אם אתם מקבלים התורה מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכם" פרעגט אויף דעם תוספות, פארוואס האט אויסגעפעהלט אז דער אויבערשטער זאל דאס טון, די אידן האבן דאך געזאגט פון זייער אייגענע ווילן: **"נעשה ונשמע"?**

נאר די כוונה פון דעם אייבערשטן איז געווען מרמז צו זיין, אז אפילו ווען עס קומען אהן אויף דעם מענטש שווערע צייטן אזוי ווי א בארג, און זיין רצון און חשק צו דינען דעם אייבערשטן איז זייער שוואך, דאך דארף מען זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות צו לערנען **תורה** און דינען דעם אייבערשטן.

**(בעל שם טוב זי"ע)**

**כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקדוש ברוך הוא יצתה נשמתן של ישראל.** (שבת פח:)

פרעגט אויף דעם דער **"שפת אמת"** פארוואס האט דאס אויסגעפעלט, האט דען דער אויבערשטער נישט געקענט מאכן אז זייער נשמה זאל בלייבן אין זיי? נאר דער אויבערשטער האט געוואלט מרמז זיין, אז יעדע זאך וואס האט צו טון מיט תורה און אידישקייט, דארף מען מקיים זיין מיט מסירות נפש.

**אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא** (פסחים סה).

די גמרא זאגט ר' יוסף האט געזאגט אז מ'זאל ברענגען א עגלא תילתא א קאלב וואס איז געבוירען די דריטע צו איר מאמע, ווייל דאס איז די בעסטע, און ער האט געזאגט וועגן דעם עסט ער עס, ווייל ווען נישט דער טאג וואלט ער געווען פונקט ווי יעדעם איינעם גלייך.

לכאורה איז שווער ער וואלט געדארפט זאגן אז ווען נישט דעם טאג וואלט מען געווען אייניג צו די גוים, ווייל ווען נישט מתן תורה וואלט'ן מיר נישט געווען קיין אידן. נאר זאגט דער **תפארת שלמה**, אז ער האט געמיינט צו זאגן אויף די השפעה וואס קומט אראפ יעדעס יאר אין שבועות, **אז די השפעה פון שבועות מאכט געדענקען לערנען א גאנץ יאר**, און מיט דעם טייטש ער די **פסוק זָכוֹר אֶת יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלוֹקֶיךָ בְּחוֹרֵב פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ** אז מיט דעם וואס מ'געדענקט די מעמד הר סיני קען מען געדענקען דאס לערנען אויף א גאנץ יאר, און דאס איז געווען די שמחה פון ר' יוסף, נישט אויף די עצם ענין פון קבלת התורה, נאר אויף די השפעה וואס קומט אראפ יענעם טאג, אז ווען נישט די השפעה פון דעם טאג וואלט ער געווען גלייך צו יעדעם איינעם, ווייל זיין מעלה איז געווען אז ער האט געדענקט כל התורה כולה, און דאס איז געקומען מיט די השפעה פון שבועות.

די גמרא פארציילט אין **מסכת שבת**, אז א צדוקי האט געזעהן ווי רבא לערנט, און ער האלט זיינע פינגער אונטער די שטיעל, און צודריקט עס ביז ס'גייט בלוט, האט דער צדוקי זיך אנגערופען, אז די אידען זענען אן **עמא פזיזא** - א געאיילט פאלק, **דקדמיתו פומייכו לאודנייכו** - ווייל איר האט געפעדערט מיט אייער מויל צו זאגן נעשה ונשמע, פאר איר האט געהערט מיט די אויערן וואס די תורה איז, און איר זענט נאך אלץ געבליבן מיט אייער אום אויס גערעכענט שנעלקייט.

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז דער שייכות צווישן רבא'ס צודריקן זיין פינגער, מיט דעם וואס כלל ישראל האט געזאגט נעשה ונשמע? נאר מען קען עס מסביר זיין בדרך דרוש, לויט ווי עס ווערט געברענגט אז אברהם אבינו האט מקיים געווען די גאנצע תורה איידער ער איז מצווה געווארן, אויסער די מצוה פון מילה, וואס ער האט געווארט ביז דער אויבערשטער וועט עס באפעלען, וועט ער זיין א מצווה ועושה, און גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה, איז בשלמא אלע מצוות האט ער געטראכט ווען מען וועט עס שפעטער באפעלן, וועט ער עס נאכאמאל טון, אבער ביי מצות מילה איז דאך דאס נישט שייך, דעריבער האט ער געווארט. נאך א טעם ווערט געברענגט, ווייל עס איז דא א דעה, אז א מענטש טאר אין זיך אליין נישט חובל זיין, איז ווילאנג עס איז נישט געווען קיין מצוה, האט ער זיך נישט געמעגט מל זיין.

דאס איז דא פשט, ווען דער צדוקי האט געזעהן אז רבא איז זיך חובל, מוז דאך זיין אז מען האלט אז מען מעג יא זיך חובל זיין (נישט ווי דער צווייטער טעם), אויב אזוי וואס דען איז דער טעם פארוואס אברהם אבינו האט זיך נישט מל געווען, מוז דאך זיין ווייל מען האלט גדול מצווה ועושה, אויב אזוי זענט איר א ווילד געאיילט פאלק, וואס איר האט געזאגט נעשה פאר נשמע וואס דורכדעם זענט איר אינו מצווה ועושה.

**(קול אריה)**

**זמן מתן תורתינו.**

פארוואס ווערט שבועות אנגערופען "זמן מתן תורתנו" און נישט "זמן קבלת תורתנו"?

ווייל די צייט פון געבן די תורה - מתן תורה, איז געווען נאר איין מאל, ביים בארג סיני, אבער אננעמען די תורה - קבלת התורה דארף זיין שטענדיג, א גאנץ לעבן בייטאג און ביינאכט.

**(חידושי הרי"ם)**

**ויאמר משה לא יוכל העם לעלות כי אתה העדותה בנו הגבל את ההר וקדשתו ויאמר אליו ה' לך רד.**

לפי מדרגתו הגבוהה היה משה רבינו סבור, כי מצוות ה' שלא לגשת אל ההר, כבר עשתה את הגישה

לבלתי אפשרית מן הטבע, לפי שציווי ה׳ מהווה כעין מחיצת ברזל למנוע כל גישה אל ההר. לפיכך אמר הקב"ה למשה "לך רד" רד מעט ממדרגתך הרמה אל מצבו של העם, ואז תיווכח להבין שעדין אין זה בבחינת "לא יוכל", ויש להזהירם שוב על כך.

(קדושת לוי)

**וקדשתם היום ומחר.**

צריכה הקדושה להשאר אצל האדם גם למחר לאחר זמן, לא רק בשעה שהוא שומע דברי תורה או מוסר אלא אף לאחר שהוא פונה לעסקי היום יום.

(פרדס יוסף)

**וקדשתם היום ומחר.**

כשהיצר הרע בא להסית לעבירה, אומר הוא לאדם: שמע לי רק היום, והחל ממחר תתחיל להתקדש ולעבוד את ה׳. אך האדם צריך להתגבר ולהשיב לו: ,וקדשתם היום - היום אני רוצה להתקדש ולא אשמע לקולך, "ומחר" - ואלו מחר נראה..

(בית אברהם - סלונים)

**ויהי קול השופר הולך וחזק מאד משה ידבר והאלוקים יעננו בקול.**

צריך היה הכתוב לומר: "משה דיבר והאלוקים ענהו בקול" בלשון עבר? ברם, משה הוסיף יום אחד מדעתו לימי ההכנה, והשי"ת הסכים לכך והשכינה נתגלתה רק ביום השלישי, בזה הוכח כוחה של תורה שבעל פה שתקנתם של חכמים נעשית תורה. יוצא איפוא, שקול השופר אשר נשמע רק ביום השלישי הכריז ואמר כי לדורות כאשר "משה ידבר" - כלומר כאשר מנהיג הדור ידבר, יהא ידוע לכל כי "האלוקים יעננו בקול" - שזהו קול האלוקים והסכמתו נתונה על זה.

(הדרש והעיון)

**ויסעו מרפידים ויבואו מדבר סיני. מה ביאתן למדבר סיני בתשובה אף נסיעתן מרפידים בתשובה.** (רש"י)

הרי בנסיעתן מרפידים עשו תשובה, ומה היה הצורך לעשות עוד פעם תשובה בביאתן לסיני? אלא לימוד יש כאן שאל יחשוב האדם כי רק לאחר עתים של ירידה בעבודה ה׳ זקוק הוא לתשובה, ואילו בזמניו הטובים, כשהוא רואה אור, אין הוא צריך לעשות תשובה. אלא אף בזמני עליה, בעתים של התעלות בעבודת ה׳, גם אז צריך לעשות תשובה. לא רק בנסיעהן מרפידים כשרפו ידיהם מן התורה - עשו ישראל תשובה, אלא אף בביאתן למדבר סיני - כשהגיעו לרום המעלה, לקבלת התורה, בכל זאת בתשובה.

(ליקוטי יהודא)

**וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק.**

"וירא העם" - כשראה העם והתבונן בעול התורה והמצוות, "וינועו" - נזדעזעו בני ישראל וחששו שמא לא יוכלו לקיים את התורה כתיקונה, אך מצאו עצה לכך: "ויעמדו מרחוק" - להעמיד את התורה באמצעות "מרחוק", ע"י התרחקות מאסורים ועשיית גדרים וסייגים לתורה.

(אוהב ישראל)

**ויהי קולות וברקים.**

כשם שלא תיתכן צמיחה אלא רק לאחר שהזרע נרקב בקרקע, כך גם בקבלת התורה היו קולות וברקים במטרה שישראל יבטלו את דעתם בבטול גמור ובכך יקבלו מציאות חדשה.

(בעל ה"תניא")

**זמן מתן תורתנו.**

"מתן תורתנו" ולא "מתן תורה". כל יהודי מקבל את חלקו בתורה לפי תיקון וכשרון פעולותיו. ולכן

# קונטרס לשבועות

קרוי יום זה "מתן תורתנו" כי זה תורת כל אחד ואחד מאתנו לפי מעשיו.

**(דעת משה)**

**דילעון בלעותא, צלותהון בכן מקבל (אקדמות).**

על ידי יגיעת התורה "דילעון בלעותא" - זוכים גם לתפילה ו"צלותהון בכן מקבל.

**(בית אברהם בשם אביו)**

מעמד הר סיני וקדושת היום הנשגב מתעורר בכל שנה בחג השבועות, וכשהאדם זוכה - שומע הוא את הקול שמכריז "אנכי ה' אלוקיך".

**(קדושת לוי)**

איתא במסכת מכות (דף כג:), תרי"ג מצוות יש בתורה ואנכי ולא יהי' מפי הגבורה שמענו, נשאר תרי"א מצוות ששמענו מפי משה רבינו, וזה שאמר הכ' **תורה** צוה לנו משה, כי תור"ה בגימט' תרי"א.

**אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא** (פסחים סה)

ישראל הקדימו נעשה לנשמע רק על התורה שבכתב, ואילו על תורה שבעל פה נכפה עליהם ההר כגיגית (תנחומא ). ר' יוסף שהיה סגי נהור לא יכול היה לעסוק בתורה שבכתב, אלא רק בתורה שבעל פה, שכן "דברים שבכתב אי אתה רשאי לאמרם על פה" (גיטין ס ). זהו שאמר ר' יוסף: "אי לאו האי יומא" - אלמלא אותו יום, יום קבלת תורה, שבו נכפה ההר כגיגית כדי שיקבלו ישראל את התורה שבעל פה, הרי לא היתה בידנו התורה שבעל פה, ובתור סומא לא היתה לי האפשרות לעסוק בתורה והיה עלי להיבטל הימנה, ואז - "כמה יוסף איכא בשוקא" - כמה יוספים בורים ו"עמי-הארצים" יש בשוק.

**(דרשות חתם סופר)**

איתא בספרים, שלכך נאמרו עשרת הדברות בלשון יחיד (אנכי ה' א-לקיך ולא נאמר א-לקיכם), לרמז שלא יאמר האדם אינני צריך לעבוד את ה', דהא יש כמה צדיקים וכמה מלאכים ושרפים שעושין רצונו ודי בהם, על כן אמר הקב"ה בלשון יחיד אנכי ה' א-לקיך, שתחשוב שאני רק א-לקיך ואין שום נברא שיכול ליצא אותך בעבודת ה', ואין מי שיכול לעשות רוח לפני ה' כמו שאתה יכול, ועל ידי זה יעבוד את השי"ת בכל כוחו.

# הבאת שתי הלחם

**עס שטייט אין פסוק:**
**תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם וְהִקְרַבְתֶּם מִנְחָה חֲדָשָׁה לַה'.**
**נאך שטייט אין פסוק:**
**מִמּוֹשְׁבֹתֵיכֶם תָּבִיאוּ לֶחֶם תְּנוּפָה שְׁתַּיִם שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת תִּהְיֶינָה חָמֵץ תֵּאָפֶינָה בִּכּוּרִים לַה'.**

### המצוה

דער פופציג'סטע טאג פון ספירת העומר איז דא א מצוה צו ברענגען אין בית המקדש צוויי ברויטען "שתי הלחם", חוץ פון די קרבן מוסף וואס מען האט מקריב געווען יעדען יו"ט.

### ההקרבה

די שתי הלחם האט געמוזט זיין פון די נייע תבואה וואס איז געוואקסן יענע יאר, און די תבואה האט געדארפט קומען דוקא פון ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **מִמּוֹשְׁבֹתֵיכֶם תָּבִיאוּ**.

מען האט גענומען דריי סאה פון די נייע ווייץ, און מען האט עס צושטויסען אזוי ווי אלע מנחות, און נאכדעם האט מען עס צומאהלען אויף מעהל, און דורך געזופט צוועלף מאהל, ביז עס איז ארויס געקומען **שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים**, מען האט גענומען יעדען עשרון עקסטער, און אריין געלייגט אין דעם **שְׂאוֹר**, וואס איז חמץ אזוי ווי די פסוק זאגט **חָמֵץ תֵּאָפֶינָה**, און געמאכט פון דעם ברויטן, די ברויטען זענען געווען פיהר עקעדיג, די לענג איז געווען זיבן טפחים, און די ברייט איז געווען פיר טפחים, און די הויך פיר אצבעות.

דערנאך האט מען גענומען די צוויי כבשים וואס זענען געווען שלמים, און מען האט זיי ביידע גע'שחט'ן, און גענומען די חזה מיט די שוק, און געלייגט לעבן די שתי הלחם, די כהן האט אונטערגעלייגט זיינע הענט אונטער די חזה ושוק מיט די שתי הלחם און געמאכט תנופה, מוליך ומביא מעלה ומוריד (אזוי ווי ביי אלע תנופות), מען האט מקריב געווען די שלמים, די איבעריגע פלייש און די שתי הלחם האט מען צוטיילט צווישען די כהנים, דער כהן גדול האט גענומען איין לחם, און מיט דער אנדערער האבן זיך אלע אנדערע כהנים צוטיילט. און עס איז געגעסען געווארן נאך אין יענעם טאג, ליום ולילה.

### למה דוקא בעצרת - היום גורם

די גמרא (ר"ה טז.) זאגט: אמר רבי יהודה משום רבי עקיבא "**מפני מה אמרה תורה הביאו שתי הלחם בעצרת**", פארוואס האט די תורה געהייסן ברענגען די שתי הלחם דוקא אין שבועות, "**מפני שעצרת זמן פירות האילן**", שבועות איז די צייט וואס מען איז דן די פירות פונעם בוים, "**אמר הקב"ה, הביאו לפני שתי הלחם בעצרת, כדי שיתברכו לכם פירות האילן**", ברענקט מיר די שתי הלחם אין שבועות, כדי די פירות פונעם בוים זאלען ווערן געבענטש.

### למה דוקא חמץ - כקרבן תודה

דער רמב"ן זאגט, אז דערפאר האט די תורה געהייסען ברענגען די שתי הלחם דוקא פון חמץ, ווייל דאס איז אזוי ווי א קרבן תודה אויף די נייע תבואה וואס האט שוין געוואקסן, און ביי א קרבן תודה איז אויך געווען דארט ברויט פון חמץ.

# הבאת ביכורים

## שטייט אין פסוק:
## רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית ה׳ אֱלֹקֶיךָ

איינע פון די מצוות דאורייתא וואס די יודען האבן מקיים געווען בזמן שבית המקדש היה קים, איז געווען די מצוה פון הבאת ביכורים וואס האט זיך אנגעהויבן אין די צייט פונעם יו"ט שבועות.

**די מצוה איז:** יעדע יוד וואס האט געהאט א פעלד, וואס איז דארט געוואקסן איינע פון די שבעת המינים שנשתבחה בהן ארץ ישראל, איז אריין געגאנגען אין זיין פעלד אין דער צייט וואס די פירות הייבען אן צו ווערן געצייטיגט, און ווען ער האט געזעהן א פרי וואס איז געצייטיגט, האט ער דאס אנגעבונדען מיט א רויטע בענדל און געזאגט "**הרי אלו ביכורים**".

צו די פירות האט מען צוגעלייגט נאך שיינע פירות (אפילו פון די נישט די ערשטע געצייטיגטע פירות) פאר "**תוספות ביכורים**", און מען האט אריין געלייגט אלע פירות אין א שיינע קויש, אויב די בעל הבית איז געווען א עושר, האט ער געברענגט זיין ביכורים אין א קויש פון גאלד אדער פון זילבער, און אויב די בעל הבית איז געווען א ארימע מאן, האט ער עס געברענגט אין א קויש וואס איז געפלאכטען פון שיינע מיני בלעטער.

די ביכורים האט נישט יעדער איינער געברענגט ווען ער האט געוואלט, נאר מען האט איינגעטיילט ארץ ישראל אין 24 מעמדות (כנגד די 24 משמרות כהונה). אלע שטעט פון יענע געגענט האבן באלאנגט צו איין מעמד, און יעדע מעמד האט געהאט איין הויפט שטאט וואס מען האט עס גערופען "**עיר המעמד**", אין דעם עיר המעמד האבן זיך פאריזאמלט אלע וואס ברענגען ביכורים, כדי מען זאל צוזאמען גיין קיין ירושלים, ווי די פסוק זאגט אין משלי (יד כח), "ברוב אים הדרת מלך".

ווען מען איז געווען גרייט צו גיין קיין ירושלים, וואס דאס איז געווען עטליכע טעג פאר שבועות, האט דער ממונה אויסגערופען "**קומו ונעלה ציון אל בית אלוקינו**", לאמיר אלע ארויף גיין קיין ירושלים צום בית המקדש.

עס איז געווען א שור וואס איז געגאנגען פאר די גאנצע חבורה, און זיינע הערנער זענען געווען מצופה זהב, און אויף זיין קאפ האט מען געמאכט א קרוין פון בלעטער פון א זית בוים, ווייל די בלעטער פון א זית בוים זענען די שענסטע בלעטער פון אלע שבעת המינים, צום סוף האט מען מקריב געווען דעם שור פאר א שלמים.

אויפן גאנצע וועג, ווי די מביאי ביכורים זענען אנגעקומען, האט די מוזיק געשפילט פאר זיי, און זיי זענען קיינמאל נישט אריין געגאנגען אין א הויז צו שלאפן, נאר זיי האבן גענעכטיגט אויף די גאס, כדי די מצוה זאל האבן א פירסום, און כדי זיי זאלן נישט טמא ווערן.

ווען זיי האבן זיך דערנעטערט קיין ירושלים, האבען אלע ארבעטס מענטשען פון ירושלים זיך אויפגעשטעלט פאר זיי און שלום געגעבען. זיי האבן געשיקט שלוחים זאגן אז זיי קומען אָן, און די אלע ממונים אויפן בית המקדש מיט די אלע גזברים זענען ארויס געקומען זיי מקבל פנים צו זיין, אזוי ווי זיי זענען אנגעקומען צום הר הבית, האט יעדער גענומען זיין קויש אויפן פלייצע, און ארויף געטראגן די בארג. אפילו א מלך בישראל אזוי ווי אגריפת המלך וואס איז געווען בבית שני, האט אויך געטראגן אליין די ביכורים אויף זיין אקסל מיט גרויס שמחה.

אריינקומענדיג אין בית המקדש האבן די לוים מקבל פנים געווען די מביאי ביכורים מיט די זמר "**ארוממך ה׳ כי דליתני ולא שמחת אויבי לי**", און די שמחה דמצוה איז געווען זייער גרויס.

האבענדיג די קויש אויף די אקסל, האט די בעל הבית געליינט די פרשה פון ביכורים, פון "**והגדתי היום**" ביז "**לתת לנו**", און ווען די בעל הבית האט אראפ גענומען די קויש פונעם אקסל, האט די כהן אונטער געלייגט זיינע הענט און צוזאמען געמאכט תנופה מיט די פירות. דערנאך האט די בעל הבית געליינט די פרשה פון "**ארמי אבד אבי" וגו׳** (קריה), און אראפ געלייגט די ביכורים לעבן די מזבח ביי די עק פון דרומית מערבית (הנחה).

מיט די ביכורים האט מען אויך געברענגט טויבן, וואס האבו געהאנגען אויף די זייט פונעם קויש, (נישט אויפן קויש כדי זיי זאלן נישט שמוציג מאכען די פירות). די טויבן האט מען מקריב געווען פאר א עולה, און אויך די שור מיט די גאלדענע הערנער, האט מען מקריב געווען פאר א שלמים. די ביכורים מיט די שלמים האט מען אויסגעטיילט צווישען די אנשי משמר.

די מביאי הביכורים זענען נישט אהיים געגאנגען אין יענע טאג, נאר זענען געבליבען נעכטיגען אין ירושלים, און יענע טאג איז געווען פאר זיי א יו"ט.

**ויהי רצון שיבנה בית המקדש במהרה בימינו,**
**ונזכה לעלות לרגל ולהביא ביכורים בשמחת עולם,**
**ושם נעבדך ביראה כימי עולם וכשנים קדמוניות.**

# תיקון ליל שבועות

## חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים הָיוּ נְעוּרִין כָּל הַלַּיְלָה וְעוֹסְקִין בַּתּוֹרָה

(זוהר הקדוש. מובא במג"א סי' תצ"ד)

דער מנהג איז אז שבועות ביינאכט איז מען אויף א גאנצע נאכט און מ'לערנט, די מקור פון דעם איז פון זוֹהַר הַקָדוֹשׁ וואס זאגט אז חסידים הראשונים זענען אויף געווען א גאנצע נאכט און געלערנט די תורה.

אין אר"י הקדוש שטייט, אז די אלע וואס זענען אויף א גאנצע נאכט און זיי לערנען די תורה, איז זיכער אז זיי וועלען אויסלעבן די יאר בשלום און ס'וועט זיי נישט געשעהן קיין שום שאדן. וזה לשונו: **"שֶׁכָּל מִי שֶׁבַּלַּיְלָה לֹא יִשַׁן כְּלָל, וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, מוּבְטָח לוֹ שֶׁיַּשְׁלִים שְׁנָתוֹ, וְלֹא יֶאֱרַע לוֹ שׁוּם נֶזֶק"**.

דער של"ה הקדוש שרייבט אז דער נאכט פון שבועות איז זייער דערהויבן און באליבט ביים באשעפער, דעריבער זאל מען נישט אפלאזן אפילו פאר איין רגע פון צו זיין דבוק אין די תורה. וזה לשונו: **"גְדוֹלָה מַעֲלַת זֹאת הַלַּיְלָה אֵיךְ שֶׁחָבִיב לִפְנֵי הקב"ה לְבִלְתִּי נְדוֹם רֶגַע אֶחָד מִדְּבֵיקוּת הַתּוֹרָה"**.

דער טעם פארוואס מ'איז אויף א גאנצע נאכט, שטייט אין **מגן אברהם** ווייל דעמאלס וואס מ'האט געוואלט געבען די תורה זענען די אידן געשלאפן א גאנצע נאכט, און צופרי ווען דער אויבערשטער האט זיי געוואלט געבען די תורה זענען זיי נאך געשלאפען, דערפאר דארפן מיר דא מתקן זיין מיט דעם וואס מיר זענען אויף א גאנצען נאכט און מען לערנט תורה.

אין **קדושת לוי** שטייט, אז דער טעם פארוואס אידן זענען געשלאפען יענע נאכט איז געווען ווייל זיי האבן זיך געהאלטן אין איין גרייטן צו מתן תורה פון ב' סיון אנגעפאנגען, און ווען מ'איז אנגעקומען צום טאג פון מתן תורה האבן זיי שוין געשפירט א געוואלדיגע מידקייט, אז זיי האבן מורא געהאט דאס זיי וועלען נישט האבן קיין כח און מח צו די גרויסע מעמד וואס זיי גייען מקבל זיין די תורה דערפאר האבן זיי זיך אראפגעלייגט.

אבער אין ספר **מנחה חדשה** ברענגט ער צו א אינטערעסאנטע טעם פארוואס די אידן זענען איינגעשלאפען יענע נאכט פאר מתן תורה, לויט ווי תוס' זאגט אין מס' שבת, אז דערפאר האט דער אויבערשטער געדארפט איבערבייגן דעם בארג סיני אויף די אידן ווייל די אידן האבן נאר געוואלט מקבל זיין תורה שבכתב, אבער נישט די תורה שבעל פה, דערפאר זענען זיי געגאנגען

שלאפען ביינאכט ווייל ווי מיר ווייסן לערנט מען נישט ביינאכט קיין תורה שבכתב, נאר תורה שבעל פה, און אזוי ווי די אידן האבן דעמאלס נאך נישט געוואלט מקבל זיין די תורה שבעל פה, האבן זיי זיך געלייגט שלאפן דערפאר לערנען מיר תורה שבעל פה און תורה שבכתב די נאכט פון שבועות כדי דאס מתקן צו זיין.

אין ספר **גנזי יוסף**, שטייט אז דאס איז איינע פון די טעמים פארוואס דער יו"ט ווערט אנגערופען עצרת, ווייל עצרת איז טייטש איינגעהאלטען, און אין די נאכט זענען מיר איינגעהאלטן פון שלאף, און מיט דעם טייטש ער די ווערטער פון ירושלמי, וואס ער זאגט אז אין די פנקס פון ר' חייא איז געשטאנען עֲצֶרֶת "תִּהְיֶה" לָכֶם, אנשטאט ווי מיר האבן אין די תורה עֲצֶרֶת "תִּהְיֶה" לָכֶם, ווייל דער וואס איז עֲצֶרֶת - ער האלט זיך איין פון שלאף, תִּחְיֶה לָכֶם - וועט לעבן א גאנץ יאר, אזוי ווי ס'שטייט בשם האר"י עיי' לעיל.

אין ספרים ווערט געברענגט א רמז אז דאס איז צו ווייזן אז מיר זענען גרייט צו לערנען יומם ולילה.

אין **שפת אמת** שטייט אז דער טעם איז ווייל חז"ל זאגן דאך אִם שָׁמוֹעַ בְּיָשָׁן תִּשְׁמַע בְּחָדָשׁ - אז מ'גייט איבער די אלטע איז מען זוכה צו נייע דערפאר אין די נאכט מאכן מיר אזוי ווי א חזרה אויף די אלטע כדאי מארגען צופרי זאלען מיר זוכה זיין צו די נייע.

**נאך א טעם** ברענגט ער אז אין תהילים שטייט לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלוֹקִים, אז דער אויבערשטער זאל מאכן א ריין הארץ, וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי - א נייע הארץ זאלסטו אין מיר אריינלייגען, און נאר אזוי קען מען זוכה זיין צו קבלת התורה, און דערפאר איז מען אויף די נאכט ווייל אין די נאכט שיקט דער אויבערשטער אריין א רוח טהרה אין די אידישע קינדער'ס הערצער.

דער **חיד"א** שרייבט אז געווענליך יעדע זאך ווי מער מ'האט דערפון ווערט מען זאט דערפון, ביז ס'גייט אוועק דער אפעטיט, אבער ביי תורה איז פארקערט, ווי מער מ'לערנט וויל מען אלס נאך מער לערנען, און ערשט ווען מ'לערנט אסאך זעהט מען וואס די תורה איז און מ'וויל לערנען נאכמער, דאס ווילען מיר ווייזן מיט דעם וואס מיר לערנען א גאנצע נאכט, אז טאקע נאכדעם וואס מיר האבן געלערנט א גאנצע נאכט האבן מיר די חשק און אפעטיט מקבל צו זיין די תורה.

דער **של"ה הקדוש** שרייבט אז ביים זאגן תיקון ליל שבועות זאל מען זאגןווארט ביי ווארט אזוי ווי ביי קריאת שמע, **כִּי טוֹב מְעַט בְּכַוָּונָה מֵהַרְבּוֹת שֶׁלֹּא בְּכַוָּונָה**.

עס ווערט געברענגט אז ווען מען זאגט די תרי"ג מצוות, זאל מען אינזינען האבן אז מען איז מקיים די מצוות מיט'ן זאגען.

# תיקון ליל שבועות עם הבית יוסף

**אין ספר שני לוחות הברית (של"ה) אין מס' שבועות איז ער מרבה בשבח פון דעם גרויסען ענין פון אויף זיין שבועות ביינאכט. און דאס איז זיין הייליגע לשון איבערגעזעצט אויף אידיש;**

**צו ווייזען די גרויסע מעלה פון די דאזיגע נאכט ווי אזוי עס איז באליבט ביי השי"ת צו לערנען די הייליגע נאכט וגו' וועל איך אייך שרייבען א מעשה וואס האט פאסירט קרוב צו אונזערע צייטען, און איך וועל אייך נאכשרייבען א בריוו פון המקובל הר"ר שלמה הלוי אלקבץ וגו' און דאס איז דער נוסח פון בריוו:**

איר זאלט וויסען אז מיר האבען מסכים געווען, דער חסיד נר"ו (בית יוסף) און איך און נאך אפאר חברים צו זיין אויף די נאכט פון שבועות און נישט שלאפען און מיר האבען נישט מפסיק געווען קיין איין רגע.

און דעם סדר האבען מיר געלערנט; קודם האבען מיר געלערנט פון בראשית ביז ויכולו מיט א זיסקייט און א הויך קול, נאכדעם בחודש השלישי ביז סוף סדרא וגו' (ער שרייבט נאך אלעס וואס זיי האבען געלערנט), אלעס באימה וביראה מיט א ניגון וטעם, לא יאומן כי יסופר. נאכדעם האבען מיר געלערנט משניות גאנץ סדר זרעים, און נאכדעם האבען מיר געלערנט על דרך האמת (קבלה).

ווען מיר האבען געלערנט משניות ווען מיר האבען געענדיגט צוויי מסכתות האט אונז דער בורא מזכה געווען און מיר האבען געהערט דעם קול רעדען מפי החסיד נר"ו (עס איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו של הבית יוסף) א גרויס קול וואס אלע שכנים האבען געהערט און נישט פארשטאנען, און די זיסקייט איז געווען שטארק, און דער קול האט זיך געשטארקט, און מיר זענען געפאלען אויף אונזער פנים, און קיינער האט זיך נישט געטרויעט אויפצוהייבען די אויגען און פנים צו קוקען פון גרויס מורא.

און דער דיבור האט צו אונז אנגעהויבען רעדען און געזאגט:

"הערט צו מיינע געליבטע ידידים מהדרים מן המהדרים, שלום צו אייך, וואויל איז אייך, וואויל איז ווער עס האט אייך געבוירען, וואויל איז אייך אויף די וועלט וואויל איז אייך לעולם הבא וואס איר האט גענומען אויף זיך מיך צו באקרוינען די נאכט, וואס עס איז שוין אסאך יאר וואס דער קרוין פון מיין קאפ איז געפאלען און קיינער טרייסט מיך נישט, און איך ליג אויף דער ערד געווארפען אין אשפות, און יעצט האט איר צוריק געקערט די קרוין צום פלאץ.

שטארקט אייך מיינע ידידים, פעסטיגט אייך מיינע געליבטע, פרייט אייך ווייל איר זענט פון די בני עלייה, און איר האט זוכה געווען צו זיין מהיכלא דמלכא, און דאס קול פון אייער תורה איז ארויף פאר הקב"ה, און האט אדורך געשפאלטען פיל הימלען ביז עס איז ארויף. און מלאכים שוויגען, און שרפים זענען שטיל געבליבען, און חיות זענען געבליבען שטיין, און אלע צבא מעלה הערען צו אייער קול.

איך בין געקומען צו אייך רעדען, און אויב איר וואלט געווען צען מענטשען וואלט איר נתעלה געווארען פיל מער, נאר פונדעסטוועגען זענט איר נתעלה געווארען. וואויל איז אייך, וואויל איז די וואס האבען אייך געבוירען, מיינע פריינד, וואס איר האט אוועקגענומען שלאף פון אייערע אויגען די נאכט, און דורך אייך בין איך נתעלה געווארען וגו' און איר זענט נישט אזוי ווי די וואס שלאפען אויף זייער בעט וגו' און איר האלט זיך מיט השי"ת, און ער פריידט זיך מיט אייך. איבער דעם מיינע קינדער, שטארקט אייך און פריידט אייך מיט מיין תורה און מיין יראה.

ווען איר וואלט זיך געקענט פארשטעלען איינס פון

**טויזענט חלקים און טויזענטער און פיל צען טויזענסטעל חלק פון צער וואס איך האב, וואלט איר קיינמאל נישט געקענט האבען א שמחה אין אייער הארץ, אדער א געלעכטער אין אייער מויל, ווען איר וואלט געדענקט אז צוליב אייך ליג איך אין שטויב. דעריבער פריידט זיך מיינע פריינד, און שטארקט אייך, און איר זאלט נישט מפסיק זיין דאס לערנען, ווייל א חוט של חסד איז אויף אייך, און אייער תורה איז זיס פאר הקב"ה. פאר דעם מיינע קינדער שטייט אויף אויף אייערע פיס, און זאגט אויף א הויך קול אזוי ווי יום כיפור: "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".**

זענען מיר אויפגעשטאנען און מיר האבען געזאגט מיט א ציטערניש וואס מ'האט אונז געהייסען.

נאכדעם האט דער קול נאכאמאל געזאגט צו אונז **"וואויל איז אייך מיינע קינדער, קערט אייך צוריק צו אייער לערנען, איר זאלט נישט מפסיק זיין איין רגע. גייט ארויף קיין ארץ ישראל ווייל נישט אלע צייטען זענען גלייך, און אייערע אויגען זאל נישט קארגען אייערע כלים וואס איר פארמאגט דא, ווייל דאס גיטס פון ארץ העליונה וועט איר עסען, און אויב איר וועט צוהערען וועט איר עסען דאס גיטס פון יענעם לאנד. דערפאר איילט אייך און גייט ארויף, ווייל איך בין אייך מפרנס, און איך וועל אייך דארט אויך מפרנס זיין, ואתם שלום וביתכם שלום וכל אשר לכם שלום ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום".**

די אלע רייד האבען מיר געהערט רעדען צו אונז, און נאך פיל מער אזעלכע רייד עניני חכמה און פיל הבטחות, און מיר האבען אלע אויסגעבראכען אין א געוויין פון שמחה. אויך ווען מיר האבען געהערט דעם צער פון די שכינה הק' און איר קול איז געווען אזוי ווי א קראנקער וואס בעט זיך צו אונז. נאכדעם האבען מיר זיך געשטארקט און מיר האבען געלערנט ביז אינדערפרי מיט גרויס שמחה און פחד.

אינדערפרי זענען מיר זיך געגאנגען טובל'ן, און דארט האבען מיר געטראפען די דריי חברים וואס זענען נישט געווען מיט אונז ביינאכט, און מיר האבען זיי דערציילט אלעס וואס עס האט פאסירט, און זיי האבען אנגעהויבען שטארק צו וויינען וואס זיי האבען נישט זוכה געווען צו הערען די אלע רייד, און אויך מיר האבען זיי אנגעשריגען, ווייל צוליב זיי האבען מיר אויך נישט זוכה געווען צו אלעס וואס מיר האבען געדארפט, (ווייל עס איז נישט געווען מנין כנ"ל). זיי האבען געזאגט צו אונז הלואי זאלען מיר זיך צוזאמען נעמען היינט ביינאכט און נאכאמאל לערנען אזוי ווי נעכטען, און מיר וועלען זיין צען מענטשען. האבען מיר מסכים געווען אזוי צו טון און כאטש אז מיר זענען גארנישט געשלאפען די ערשטע נאכט, און אויך נישט יענעם טאג, ווייל דער חסיד נר"ו האט געזאגט א דרשה, און מיר זענען אלע געווען ביי די דרשה, פונדעסטוועגען האבען מיר געטוהן אזוי ווי די ערשטע נאכט, און מיר זענען געווען בשמחה ווייל מיר זענען צען מענטשען.

די נאכט האט נישט די שכינה געווארט ביז מיר האבען געלערנט משניות, און ביז חצות, [ווייל די ערשטע נאכט האט דער קול אנגעהויבען רעדען פונקט חצות] נאר באלד ווען מיר האבען געהאלטען אין פרשת ואתחנן ביי שמע ישראל האט דאס קול אנגעהויבען רעדען צו אונז און געזאגט:

**"הערט צו ידידים המהדרים מן המהדרים וגו' און האט געזאגט פיל דברי חכמה, און נאכדעם: וואויל איז אייך מיינע פריינד וואס איר האט מיך דערהויבען, און דורך דעם זענט איר אויך דערהויבען געווארען, ווייל איר זענט צען מענטשען. וואויל איז אייך, וואויל איז ווער עס האט אייך געבוירען וגו' און איר זענט זיך מתדבק איך מיר וגו' און ווען איר וואלט געמעגט זען וואלט איר געזען דעם פייער וואס רינגלט יעצט ארום דאס הויז. דעריבער שטארקט אייך, און איר זאלט נישט מפסיק זיין דעם קשר, און דערהייבט מיך אויף א הויך קול, און**

**זאגט "שמע ישראל" און "ברוך שם" הויך אויפן קול אזוי ווי "יום כיפור".**

און נאך אנדערע רייד האט דאס קול גערעדט בערך א האלבע שעה און מיר האבען צוריק געקערט, צום לערנען.

חצות הלילה האט נאכאמאל דאס קול אנגעהויבען רעדען מיט אונז און האט גערעדט בערך א שעה, און נאכאמאל געלויבט דאס ענין פון דעם לערנען און געזאגט צו אונז:

**"זעט! האט איר שוין געהערט אזא זאך אין די לעצטע פאר הונדערט יאר אז עמיצער זאל זוכה זיין צו דעם אז די שכינה זאל צו זיי אזוי רעדען? און איר האט יא זוכה געווען צו דעם, דערפאר זאלט איר זיך מהיום והלאה היטען אייערע וועגען, און איינער זאל דעם צווייטען העלפען אין עבודת ה', און איר זאלט געדענקען ווער איר זענט, אז איר האט זוכה געווען אריינצוגיין אין פרוזדור, ממילא זאלט איר זיך באמיען אריינצוגיין אין טרקלין, וגו' וועקט אייך אויף מיינע קינדער און זעט אז איך רעד צו אייך, און שטארקט אייך און זייט זעלנער. זעט אז איר זענט שכורים פון חמדת עולם הזה וגו' נאר גייט ארויף קיין ארץ ישראל, ווייל איר קענט דאס באמת טון, נאר איר זענט אריינגעטוהן אין חמדת העולם. און ווער עס וועט זיך אפשיידען פון אייך איז דמו בראשו, און זעט אז איר האט זוכה געווען צו דעם וואס קיינער האט נישט זוכה געווען שוין פיל דורות".**

נאך פיל אזעלכע רייד האט דאס קול גערעדט צו אונז. יעצט מיינע קינדער, הערט צו וואס איך זאג אייך, ווער איז נאך אזא פתי אז ער הערט די רייד און ער באקומט נישט א הרהור תשובה זיך צוריק צו קערען צו השי"ת מיט'ן גאנצען הארץ. גלייבט מיר אז אלעס וואס איך האב געשריבען אין דעם בריוו איז נאך נישט קיין הונדערטסטעל חלק פון די רייד וואס מיר האבען געהערט, און צווישען זיי פיל עניני סוד וואס איך האב מורא געהאט צו שרייבען.

אונז חברים וואס מיר האבען דאס געהערט האט עס אונז אריינגעגעבען א נייעם גייסט. שבת בייטאג האט נאכאמאל דער קול גערעדט צום חסיד (הבית יוסף) און געמערט בשבח אין דעם וואס מיר האבען געטוהן די צוויי נעכט, און דער חסיד האט צו אונז גערעדט פאר סעודת שבת, און מיר האבן מתקן געווען פיל תקנות וגדרים לעבודת ה' (עיין שם התקנות), אויך האבען מיר מסכים געווען צו פארען קיין ארץ ישראל.

דעריבער טייערע חברים, יעדער איינער זאל זיך בארעכענען און נישט קארגען זיינע טייערע כלים, ווייל דער פסוק זאגט שוין "עת הזמיר הגיע" און נישט אלע צייטען זענען גלייך לטובה צו גיין קיין ארץ ישראל, און איך קען נישט מער מאריך זיין, ווייל מיין הארץ ברענט אין מיר, און זעט וויפיל סיבות השי"ת האט געפירט וועגען מיר, און האט מיר געוויזען דעם גרויסען ענין. און איר זאלט זיך אויך מחזק זיין און שטארקען און נישט נאכלאזען אייערע הענט.

אויך האבען מיר מקבל געווען נאך תקנות (עיין שם) וגו' דעריבער זאלט איר אייך איילען פאר'ן כבוד פון השי"ת, און זייט געווארענט ווייל טאמער וועט איר חרטה האבען. און השי"ת זאל געבען אין אייער הארץ צו רחמנות האבען אויף זיך אליין, און ער זאל אונז מזכה זיין זיך צו פאראייניגען מיט אייך אין ארץ ישראל אדמת קודש, און מיר זאלען אים דארט דינען צוזאמען אמן.

*די רייד פון אייער ברודער*

*שלמה הלוי אלקבץ*

פירט דער של"ה הקדוש אויס:

**וואויל איז דעם וואס האט געזען דאס אלעס דעריבער זאל זיך יעדער מקדש ומטהר זיין מיט פיל קדושה וטהרה און עס איז גוט אז מען זאל נישט רעדען די נאכט [פון שבועות] נאר לשון הקודש.**

# מעשה נורא דבעל האקדמות

**מובא בספר מעשי גבורות ה׳**

אין יאר ד׳ **אלפים תשס״א**, איז צווישן די גוים אין דייטשלאנד געווען א גלח א גרויסער שונא ישראל. מיט דעם כח פון כישוף און חכמה פון טומאה האט ער אנגעטוהן שרעקליכע צרות פאר די אידן. הונדערטער אידן זענען דורך איהם געהרג'ט געווארן.

ווען די אידן האבן געזעהן אז דער גלח לאזט זיי נישט רוען, האבן זיי געשיקט שליחים צום קעניג וועלכער איז געווען א אוהב ישראל, און איהם געבעטן ער זאל זיי ראטעווען פון די מערדערישע הענט. דער קעניג האט געשיקט רופען דעם גלח און באפוילן אז ער זאל אפלאזען די אומשולדיגע אידן. דער גלח האט געענטפערט, אז ער וועט זיי אפלאזען נאר מיט איין תנאי, אז זיי וועלן איהם צושטעלן אזא גרויסער חכם ווי ער איז, וואס ער וועט זיך קענען מיט איהם אויסטענה'ן און יענער זאל איהם אויפווייזן אז די אידישע גלויבונג איז דער ריכטיגער. ער גיבט זיי צייט א יאר אויף צו זוכען א חכם, און אויב ביז דער צייט וועלן זיי נישט צושטעלן, דאן וועט ער אומברענגען אלע אידן פון שטאט.

דער קעניג וואס האט אליין אויך מורא געהאט פון דעם גלח, האט געמוזט צושטימען צו דעם באדינג. ווען די אידן האבן באקומען די מעלדונג פון דעם שווערן באדינג, האט זיי ארום גענומען א שרעק און ציטער. זיי האבן אויסגערופען א יום תפילה ותשובה, און געהאפט און געבעטן אז צום ענדע וועט געשעהן א נס און דער גלח וועט אפשטארבן.

דער נס איז אבער נישט געשעהן. דער גלח האט זיך ארום געדרייט אויפן גאס געזונד און פריש און שטארק אויפגעלעבט. ער האט געהאפט אז עס וועט נישט געלונגען פאר די אידן צו ווייזן אז ביי זיי געפונט זיך אויך אזא גרויסער חכם ווי איהם וואס קען באווייזן אזעלכע אינטערעסאנטע קונצן.

די צייט שטייט נישט. עס זענען אריבער געגאנגען וואכן און חדשים, און מען זעט נאך אלץ נישט ווער עס קען זיך אונטערנעמען צו פיהרן א וִיכּוּחַ מיט דעם גלח און נאכמאכן זיינע כישוף. זיי האבן זיך געפונען אין א שרעקליכע פראבלעם, עס איז ממש סכנת נפשות. זיי האבן געשיקט שלוחים אין אלע געגענטער און שטעט אין דייטשלאנד, אז מען זאל געפונען א פאסיגער מענטש און הייליגער צדיק וואס קען זיך אונטערנעמען אויסצולייזען די אידן פון דעם גלח.

עטליכע צדיקים פון נאנט און ווייט האבן אין איין נאכט געזעהן אין חלום א רמז פון הימל: - צוליב דעם וואס דער דור איז זינדיג, קען נישט געשעהן א נס אז דער גלח זאל פלוצלינג אפשטארבן. אבער שרעקן זאלט איר זיך נישט, זוכט אויף און שיקט א חכם וואס קען זיך פארהערן און טענה'ן מיט דעם גלח מיט כוחות פון קדושה.

די צדיקים האבן זיך אויפגעכאפט פון זייער שלאף, יעדער האט איבער געשמועסט פון דעם חלום. אבער צו קיין ריכטיגע ענטפער זענען זיי נישט געקומען: ווער איז יענער וואס האט אין זיך א הייליגער כח צו פירן א מלחמה מיט דעם גלח? - פונקט דאס וויכטיגסטע זאך האט מען זיי נישט אנטפלעקט אין דעם חלום.

די אידן האבן ווידער גוזר תענית געווען, און געבעטן אז דער אויבערשטער זאל זיי ליכטיג מאכן די אויגן און מרמז זיין ווער איז דער פאסיגער שליח. עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט, און מען האט זיי געמאלדען פון הימל אז יענער געפונט זיך איבערהויפט נישט צווישן זיי, נאר ווייט ווייט אוועק אויף די אנדערע זייט פון דעם טייך "סמבטיון" צווישן די "עשרת השבטים".

ערשט דאן זענען די אידן געווען אין א גרעסערע פראבלעם. נו, ווער קען זיך דען אונטערנעמען צו מאכן די געפערליכע און שווערע רייזע צו יענע עק וועלט צו געפונען די "עשרת השבטים"? אויסער דעם, עס איז דאך אוממעגליך אריבער צו גיין דעם "סמבטיון", ווייל זעקס טעג אין די וואך ווארפט ער ארויס פון זיך ריזיגע פעלזן שטיינער, נאר שבת רוהט דאס. אבער אפילו שבת קען מען נישט אריבער גיין, ווייל די מענטשן פון די "עשרת השבטים" וועלן יענעם פארשטיינערן פאר דעם חילול שבת.

אבער די אידן האבן געזעהן אז די צייט ווערט שוין גאר קורץ, האבן זיי זיך געשטארקט און געהאפט אז דער אויבערשטער וועט זיי שוין העלפן אין זייער פראבלעמען. זיי האבן אויסגעקליבן א גרויסער צדיק מיט דעם נאמען רבי מאיר חזן אז ער זאל זיין דער וויכטיגער שליח צו ברענגען די ישועה. זיי האבן איהם איינגעפאקט א זאק מיט "צידה לדרך" און מיטגעשיקט צוויי באגלייטער אויפן וועג.

זייער א סאך צרות און אויפהאלטונגען האבן די שלוחים געהאט אויפן וועג וואס האט געדויערט וואכן לאנג. טייכן און הויכע בערג, מדבריות פוהל מיט ווילדע

חיות, שלענג, היצן און קעלט, און שווערע וועטערן האבן זיי דורך געליטען. זיי האבן דאס אלעס אנגענומען פאר ליב, ווייל זיי האבן געוואוסט אז דורך דעם ראטעווען זיי די אידישע קהילות אין דייטשלאנד. זיי האבן נישט געקוקט אויף זייערע שוואכע כוחות, נאר געהאלטן אין איין גיין. זיי האבן געוואוסט אז די צייט וואס דער גלח האט אפגעשמועסט רוקט זיך שוין אונטער און מען דארף זיך שוין שטארק צואיילען.

אכט טעג פאר די באשטימטע צייט, זענען זיי ענדליך אנגעקומען צו דעם טייך סמבטיון, און פונקט אין שבת קודש ווען דער טייך רוהט. אבער ווי קען מען יעצט אריבער שווימען די טייך אין שבת?

רבי מאיר חזן האט זיך אנגערופען צו זיינע באגלייטערס: "הערט מיך צו וואס איך האב באשלאסן. "פיקוח נפש" פון איין איד איז דאך דוחה שבת, און זיכער "פיקוח נפש" פון טויזענטער אידן. אבער פאר דעם איז גענוג אז איך אליין זאל אריבער שווימען דעם טייך. איך בין זיכער אז ווען איך וועל אריבער קומען וועלן מיר די "עשרת השבטים" הרג'נען צוליב מיין חילול שבת, אבער איך בין זיך מוסר נפש פאר אידישע קינדער. דערפאר, זאלט איר דא ווארטן און נאר איך אליין וועל אריבער שווימען, און לאמיר האפען אז דער הייליגער באשעפער וועט שיקען א ישועה"!

ער האט מיטגענומען מיט זיך א בריוו פון די אידישע קהילות אין דייטשלאנד דאס צו וויזען פאר די "עשרת השבטים", און זיי בעטן אז זיי זאלן שטיין צו הילף פאר זייערע ברודער'ס.

אבער אין די רגע וואס רבי מאיר האט אריבער געטרויטן אויפן צווייטן זייט פון דעם טייך "סמבטיון", האט מען איהם באלד געכאפט און געבינדען אין קייטען. אזא חוצפה, א איד זאל מחלל שבת זיין! - עס קומט איהם א שטראף פון מיתה!

רבי מאיר רופט זיך אן צו די פאליציי: "איך קען באשטיין אז איר זאלט מיר הרג'נען. איך האב שוין סייווי מפקיר געווען מיין לעבן פאר די אידישע קינדער. אבער נעמט מיר ערשט צו אייער קעניג, איך וויל איהם איבערגעבן א וויכטיגן בריוו פון די אידישע קהילות אין דייטשלאנד. די פאליציי האבן זיך דערבארעמט און איהם גענומען צום קעניג, און ער האט דערלאנגט דעם בריוו.

דער קעניג האט באלד צוזאמען געזאמעלט זיינע קלוגע מענטשן און עצה געבערס, און מען האט באשלאסען אז מען וועט ווארפן גורל ווער עס וועט זיין דער שליח צו גיין ראטעווען די אידן. דער גורל איז אויסגעקומען אויף א קליינער, אויסגעדארטער און שוואכער עלטערע מענטש, וואס זיין נאמען איז געווען רבי דן. מען האט געברענגט רבי דן פארן קעניג, און ער האט באלד צוגעשטימט אויסצופירן דעם געוואלדיג הייליגן שליחות.

דער קעניג רופט זיך אן צו רבי מאיר חזן: "דו טארסט נישט צוריק אריבער גיין דעם טייך ווייל דיר דארף מען נישט נייטיג צו ראטעווען די אידן, אבער דער שליח רבי דן מעג יא ווייל פאר איהם גייט אן דער דין פון "פיקוח נפש". דערפאר, זאג פאר רבי דן וואס ער זאל איבערגעבן פאר דיין משפחה און פאר דיינע גוטע פריינד, ווייל דו וועסט שוין מוזען בלייבן וואוינען מיט אונז. אויך רבי דן וועט שוין נישט מעגען צוריק אהער קומען".

מיט טרערן אין די אויגן האט זיך רבי מאיר חזן געזעגענט פון רבי דן, און רבי דן איז אריבער געפארן דעם טייך ווי די שלוחים האבן זיך געפונען. ווען די שלוחים האבן באמערקט אז אנשטאט רבי מאיר חזן איז צוריק געקומען א אלטער אויסגעדארטער מענטש, איז פאר זיי פינסטער געווארן אין די אויגן און זיי האבן אנגעהויבן צו קרעכצן און קלאגן.

"קרעכטס נישט און זארגט אייך נישט" - בארוהיגט זיי רבי דן - "דער אויבערשטער וועט אייך שוין העלפן"! מיט "קפיצת הדרך" האט רבי דן געמאכט אז אין דריי טעג זענען זיי שוין געווען אינדערהיים. די שלוחים האבן באלד געמאלדען פארן קעניג אז די אידן זענען שוין גרייט צוצושטעלן א מענטש צו פירן א מלחמה מיט דעם גלח.

דער קעניג האט צוגעגרייט א גרויסע פרייע פלאץ אויסער די שטאט, ווי ביידע: די אידן און די גוים וועלן קענען מיטהאלטן דעם קאמף. ווען דער גלח האט באמערקט אז דער אויסגעקליבענער פון די אידן איז א קליין אויסגעדארטער מענטש האט אין איהם אנגעהויבן צו ברענען זיין צארן ווי א פייער. "די אידן שפעטן פון מיר" - האט ער געשריגן ווילד. - "איך וועל שוין נקמה נעמען אין זיי"!

רבי דן דערנענטערט זיך צו איהם, און די מלחמה צווישן די טומאה און להבדיל די קדושה הייבט זיך אן. דער גלח ברענגט אראפ מיט כישוף א ריזיג ברייטע אייזערנע זויל. דרייסיג מענטשן קענען דאס נישט אויפהייבען. אבער דער גלח כאפט דאס אן מיט צווי פון זיינע קליינע פינגערס און גיבט דאס א ווארף אריין טיף אין דער ערד און עס ווערט איינגעזונקען אז מען זעט דאס נישט ארויס.

אלע גוים קלאטשן מיט די הענט פאר די גרויסע גבורה וואס דער גלח האט באוויזן. די אידן זענען אבער געווען טרויעריג, ווער ווייסט וואס ווייטער וועט זיין. דער קעניג

זיצט אויף זיין קעניגליכע שטול ארום גענומען מיט זיינע מיניסטארן, און קוקט צו פונקטליך וואס עס פאסירט.

דער גלח גיבט א באפעהל פאר רבי דן אז ער זאל ארויס ציען דעם זויל פון די ערד. רבי דן ווערט נישט נתפעל, ער זאגט שטיל א קורצע תפילה, ער גייט צו דארט ווי דער מלך איז געזעסען, און האט דעם אייזערנעם זויל פון דארט ארויס געצויגען, און דאס געגעבען א ווארף אין דער הייך, און עס איז געבליבען דארט הענגען!

זאגט ר' דן צום גלח אפשר קענסטו עס אראפנעמען פון דארט? דער גלח האט אנגעהויבען צו רופען זיינע אלע טמא'נע רוחות ושדים, אבער דער זויל איז בשום אופן נישט אראפ געקומען.

דער גלח האט זיך זייער געשעמט און האט עס געוואלט פארדעקען מיט א נייעם כישוף, האט ער געלאזט ברענגען צוויי גרויסע מילשטיינער און ער האט זיי אויפגעהויבען, צומאלען, און צוזאמענגעשטעלט. האט ער געזאגט צו ר' דן: מאך מיר דאס נאך אויב דו קענסט.

ר' דן האט די שטיינער אן זיך אנשטרענגען, אויפגעהויבען, צומאלען, און צוזאמענגעשטעלט. און זיי א ווארף געגעבען אין די הייך נעבען די אייזענער זויל! יעצט האט ר' דן געזאגט צום גלח: אפשר קענסטו די שטיינער אראפ ברענגען? אבער ווי שטארק ער האט זיך אנגעשטרענגט מיט פארשידענע כוחות הטומאה, האט ער געמוזט מודה זיין אז ער קען נישט.

יעצט האט ר' דן געזאגט צו דעם רשע, אדער איך וועל ברענגען א פייער און דו וועסט עס אויסלעשען, אדער דו זאלסט ברענגען א פייער און איך וועל עס אויסלעשען. דער גלח האט אויסגעוועלט אויסצולעשען דאס פייער וואס ר' דן וועט ברענגען.

ר' דן האט אויפגעהויבען זיינע הענט צום הימל, און א געוואלדיגער פייער האט זיך אראפגעלאזט, און געשטעלט צווישען דעם גלח און ר' דן. נו! יעצט לעש אויס אויב דו קענסט דאס יודישע פייער, דער גלח האט צוזאמענגענומען אלע זיינע כוחות, אבער עס האט גארנישט געהאלפען, דאס פייער האט זיך נישט געוואלט רירען פון ארט.

נאך איין פראבע האב איך פאר דיר האט ר' דן געזאגט, זעהסטו דא א הויכען בוים, אויב דו קענסט בייג עס איין ביז צו דער ערד, און איך וועל עס האלטען עס זאל זיך נישט צוריק אויפהייבען, אדער אויב דו ווילסט וועל איך עס איינבייגען און דו זאלסט עס האלטען עס זאל זיך נישט צוריק אויפהייבען. דער גלח האט אויסגעוועלט אז ר' דן זאל עס אראפ בייגען און ער וועט עס אנהאלטען. ר' דן איז צוגעגאנגען צום בוים, מיט איין האנד האט ער עס איינגעבויגען, און דעם שפיץ פון בוים האט ער געגעבען דעם גלח, און אים געזאגט: האלט עס אן מיט ביידע הענט, אבער שטארק, ווייל דאס איז א שטארקער בוים.

דער גלח האט דעם בוים אנגעכאפט מיט ביידע הענט, אבער אזוי ווי ר' דן האט עס נאכגעלאזט, האט זיך דער בוים געגעבען א הייב אויף אין די לופט, און ארויף געווארפען דעם גלח, און דער גלח פליענדיג ארויף, האט זיך אנגעקלאפט מיטן קאפ אין דער אייזערנע זויל, די צוויי מילשטיינער האבען אים צומאלען און דער פייער האט אלעס פארברענט, און די אש איז אראפ געפאלען אויף די רשעים וואס האבען געוואלט זען נקמות אויף די יודען, און זיי זענען זיך אלע צולאפען מיט חרפה און בושה.

ר' דן מיט זיין מנין יודען זענען צוריק אין בית הכנסת, און מיט גרויס פרייד געלויבט דעם באשעפער פאר די גרויסע ניסים וואס ער האט היינט באוויזען פאר די יודען, וואס מען איז פטור געווארען דעם איש צר ואויב.

דאן איז רבי דן ארויף געגאנגען אויף די בימה און איבערגעגעבען די ווערטער פון רבי מאיר חזן. - אזוי ווי ער קען נישט מער צוריק קומען פון יענע זייט סמבטיון, בעט ער פון אלע אידן אז זיי זאלן זארגן פאר זיין פרוי און קינדער. אויך בעט ער אז די שירה וואס ער האט יעצט צוזאמען געשטעלט "אקדמות מילין", זאל געלייענט ווערן אין אלע קהילות יעדן שבועות פאר קריאת התורה.

רבי דן האט ארויס גענומען דעם שיר "אקדמות מילין" וואס רבי מאיר האט איהם איבערגעגעבן און דערלאנגט דעם רב. די טעג זענען געווען נאהנט צו שבועות, און טאקע אין יענע שבועות איז געלייענט געווארן די "אקדמות" אין אלע קהילות, און עס איז געבליבן א הייליגע מנהג ביז צו דעם היינטיגן טאג, און דאס ווערט געלייענט מיט גרויס געפיהל און ברען.

ר' דן איז פארבליבען דארט מיט זיי ער האט געלעבט ביז א שיינעם עלטער, ער האט דערציילט זייער שיינע מעשיות פון די עשרת השבטים, און פון זייערע מנהגים. ר' דן האט אויך מגלה געווען בקבלה אז ווען משיח וועט קומען וועט דער סמבטיון אויפהערען צו ווארפען די שטיינער, און דאס וועט זיין דער סימן אז זיי מוזען קומען העלפען די יודען אין גלות אין די מלחמה פון גוג ומגוג.

כן יאבדו כל אויבך ה', ואוהביו כצאת השמש בגבורתו, ונזכה בקרוב לביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

# דוד המלך בסכנה

אמאל איז דוד המלך געגאנגען אין דעם דארף "שבר בזאי", מיטאמאל האט ער דערזעהן פאר זיך לויפן א הערש, האט דוד המלך גלייך אויסגעשאסן א פייל אים צו פאנגען, אבער די פייל האט אים נישט געכאפט און דער הערש איז אנטלאפן.

דער הערש איז געווען דער שטן אליין וואס האט זיך פארשטעלט, און האט אנגעהויבן אנטלויפן כדי דוד המלך זאל אים נאכלויפן, און דוד המלך האט טאקע אנגעהויבן נאכיאגן דעם הערש, און אזוי האט אים דער הערש פארשלעפט, ביז ער איז אנגעקומען צום לאנד פלשתים.

ווען ער האט זיך געכאפט אז ער געפינט זיך אינגאנצן אליין אינעם שונא'ס לאנד, די לאנד פלשתים, איז שוין געווען צו שפעט, דער ריז "ישבי בנוב" האט אים דערקענט:

"אה דאס איז דער דוד" האט דער ריז אויסגעשריגן, דאס איז דער מערדער וואס האט גע'הרג'עט מיין ברודער גלית, יעצט וועל איך נקמה נעמען מיין ברידערס בליט!

ישבי האט א כאפ געגעבן דוד'ן, אים געבונדען און אונטערגלייגט אינטער א גרויסן שווערן ברעט, מיט א כונה אים צו צוקוועטשן און אומברענגען ח"ו.

אבער אין הימל האט מען געמאכט אנדערע חשבונות, און אונטער די פלאץ ווי דוד המלך איז געלעגן איז געשען א נס, און עס איז געווארן א גרוב, אזוי אז דוד המלך איז נישט געשעדיגט געווארן.

"רבונו של עולם" האט דוד המלך מתפלל געווען "הלוואי וואלט איך געהאט מיט מיר איינער פון מיינע שוועסטער קינד, וואס וואלט מיך געראטעוועט פון דער רשע'ס הענט".

עס שטייט אין פסוק, "ויעזר לו אבישי בן צרויה", זיין פלומעניק אבישי האט אים געהאלפן. ווי אזוי האט אבישי געוויסט דארט צו קומען ?

יענע טאג איז געווען ערב שבת נאכמיטאג, אבישי האט זיך געוואשן לכבוד שבת, אין אויף איינמאל האט ער דערזען א טויב וואס קלאפט אים אויף דער פענסטער, כאילו זי וואלט געהאט גרויס צער.

אבישי האט זיך זייער דערשראקן, "אידישע קינדער זענען דאך צוגעגליכען צו א טויב" עפעס וויל דאך דא די טויב מרמז זיין, ווער ווייסט אפשר איז דער קעניג דוד אין א סכנה.

אבישי איז שנעל געלאפן אין פאלאץ פונעם קעניג, צו זיכן דוד המלך, אבער ער איז נישט דארט געווען, גלייך פון דארט איז אבישי געלאפן אין בית מדרש אפשר וועט ער אים דארט טרעפן, אבער דארט איז ער אויך נישט. ווי קען זיין דער קעניג? מען מיז האנדלען שנעל!

ער איז שנעל געלאפן פרעגן די סנהדרין א שאלה - מעג ער ניצן דעם קעניג'ס פערד, ווען עס האנדלט זיך אין א לעבענס געפאר ?

דער פסק דין איז געווען "יא".

אבישי האט שנעל געכאפט דעם קעניג'ס פערד, זיך ארויף געזעצט, און זיך גענומען רייטן, דער פערד איז געלאפן מיט אן אויסער געווענליכע שנעלקייט, ממש ער האט געפילט ווי דער וועג קומט אים אנטקעגן.

אונטערוועגנס איז ער אדורך געלאפן די מאמע פון דער ריז "ישבי", ווען די מרשעת האט דערזעהן דעם אבישי האט זי גענומען א "שפין נאדעל" און עס געווארפן צו אבישי, און אים געוואלט הרג'ענען. אבער די "שפין נאדל" איז נישט געלונגען, אין ער איז געראטעוועט געווארן.

"יונגער מאן" האט זי אים אויסגעשריגן, ברענג מיר נאר צוריק מיין "שפין נאדל", אבישי האט גענומען דען "שפין נאדל" און גע'הרג'עט די מרשעת, פונקט וואס זי האט געוואלט טוען צו אים. און האט ווייטער געריטן מיט די פערד.

אזוי ווי ישבי האט געזעהן ווי אבישי קומט צו רייטן מיט א פערד, האט ער זיך דערשראקן און געזאגט "יעצט זענען זיי שוין צווי, און ביידע צוזאמען קענען מיר הרג'ענען", האט ער שנעל א כאפ געגעבן דעם דוד'ן און אים ארויף געווארפן אין דער הויך, און אונטערגעשטעלט זיין שפיז, כדי דוד זאל פאלן אויפן שפיז, און גע'הרג'עט ווערן אויפן פלאץ.

אבישי האט שנעל ארויסגעזאגט א היילג'ן שם, און דוד המלך איז געבליבן אין דער לופט.

אבישי האט נאכאמאל ארויסגעזאגט א שם און צוריק אראפ געברענגט דעם דוד המלך, און צוזאמען מיט דוד זיך גענומען אנטלויפן.

ישבי האט זיי נאכגעיאגט.

אזוי ווי זיי זענען אריבער געגאנגען א שטיק וועג, האבן זיי זיך אפגעשטעלט און געזאגט צו ישבי "גיי און באזוך דיין טויטע מאמע ערפה אין קבר !"

אזוי ווי זיי האבן דערמאנט זיין טויטע מאמע, איז זיין כח פארלוירן געווארן, און זיי האבען אים גע'הרג'עט.

נאך די פאסירונג האבן דוד המלך'ס מענטשן געשוואוירן צו דוד "לא תצא עוד אתנו למלחמה, ולא תכבה את נר ישראל" די זאלסט נישט ארויסגיין מער אין מלחמות, און זאלסט נישט פארלעשן דאס ליכט, דאס מלכות פון כלל ישראל.

# פטירת דוד המלך ע"ה

## נולד: בשנת ב"א תתנ"ד נפטר: בן ע' שנים בשנת תתקכ"ד

ווען דוד המלך איז געווען אויף די עלטער האט ער געבעטן פון דעם אויבערשטער "**הודיעני ה' קצי**", לאז מיר וויסען ווען די ענדע פון מיין לעבן איז.

האט אים דער אויבערשטער געענטפערט, עס איז א גזירה פון מיר אז קיין מענטש זאל נישט וויסען ווען עס קומט זיין טאג.

האט דוד המלך ווייטער געבעטן, "**ומדת ימי מה היא**", לאז מיר נאר וויסען וויפיהל יארן וועל איך לעבן.

האט אים די אויבערשטער געענטפערט, עס איז א גזירה פאר מיר, אז א מענטש זאל נישט וויסען וויפיל יארן עס איז באשערט פאר אים.

האט דוד המלך ווייטער געבעטן, "**אדעה מה חדל אני**", זאג מיר נאר אין וועלעכע טאג פון די וואך וועט עס זיין.

"**שבת**", איז געווען די ענטפער.

האט דוד המלך מתפלל געווען, און געזאגט "רבונו של עולם, איך בעט דיר, איך זאל נפטר ווערן זונטאג, און נישט אין די הייליגע טאג שבת, ווייל מען וועט זיך נישט קענען באשעפטיגן מיט מיין קבורה אין שבת, ווייל א מת איז מוקצה.

האט אים דער אויבערשטער געענטפערט, אין יענע שבת איז שוין געקומען די צייט פון דיין זון שלמה, און איין מלכות בארירט נישט די אנדערע מלכות אפילו נישט קיין איין מינוט.

איך בין גרייט אוועק צוגעבען איין טאג פון מיין לעבן, האט דוד המלך געבעטן, און מיין פטירה זאל זיין ערב שבת, כדי מען זאל מיך קענען באגראבן נאך פאר עס קומט די שבת.

אויף דעם האט אים די אויבערשטער געענטפערט, "**חלילה**" - "**כי טוב יום בחצריך מאלף**", עס איז מיר בעסער איין טאג וואס דו זיצט אין באשעפטיגסט זיך אין די הייליגע תורה, מער ווי טויזענט עולות וואס שלמה דיין זוהן וועט מקריב זיין, איך נעם נישט אראפ קיין איין טאג פון דיין לעבן.

דעמאלסט האט דוד המלך געזאגט **לא אמות כי אחיה ואספר מעשי יה**, פון דעמאלסט אן יעדער שבת האט דוד המלך זיך געזעצט לערנען תורה, ביז מוצאי שבת, און נישט מפסיק געווען קיין איין מינוט, און מוצאי שבת האט ער געמאכט א סעודה אז ער בלייבט נאך לעבן א גאנצע וואך, דאס איז די "**סעודתא דדוד מלכא משיחא**".

אבער ווען עס איז אנגעקומען די שבת וואס ער האט געדארפט נפטר ווערן פון די וועלט, איז אויסגעפאלן יענע יאר דער יו"ט שבועות אין שבת קודש, און דער מלאך המות איז געשיקט געווארן צו נעמען די נשמה פון דוד.

אבער ווען דער מלאך המות איז אנגעקומען, האט ער געזען אז דוד המלך הערט נישט אויף צו לערנען, און ער קען נישט שולט זיין אויף אים, איז ער געגאנגען אין די חצר, און האט אנגעהויבען צו מאכען א טומעל מיט דיביימער, ביז דוד המלך האט געהערט א גרויסע רעש.

ווען דוד המלך האט געהערט די רעש, איז ער אויפגעשטאנען, און געגאנגען קוקען וואס איז דארט געשען ווען זיינע ליפן הערן נישט אויף צו לערנען תורה.

אבער ווען ער איז אראפ די טרעפ צום חצר, האט די שטן צובראכען איין טרעפ, און דוד המלך איז אראפ געפאלן, און ער האט אויפגעהערט פאר איין מינוט צו לערנען, און אין יענע מינוט האט די מלאך המות צוגענומען זיין נשמה.

דער גוף פון דוד המלך איז געליגען אינעם חצר אינטער די ווארעמע זון שטראלען, אבער מען האט אים נישט געקענט אוועק נעמען פון דארט ווייל דער גוף פון א מת איז מוקצה.

האט שלמה המלך גערופען די אדלערס און זיי האבן אויסגעשפרייט זייערע פליגלעך, און געשיצט זיין גוף פון די זין, ביז עס איז געווארן מוצאי שבת, און מען האט אים געברענגט צו קבורה.

**דוד מלך ישראל חי וקים**

# כח אמירת תהלים

מי שחשקה נפשו לדבק בו יתברך ובשבחיו, ידבק עצמו בספר תהלים, וכבר אמרו רז"ל שהתפלל דוד המלך ע"ה שיאמרו זמירותיו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, כי אין לנו דבר גדול יותר מספר תהלים שכלול מן הכל, והכל מיד ה' השכיל דוד המל ע"ה ברוח הקודש.
**של"ה הקדוש**

כשבאו בני ישראל למצרים, באו אם ספר התהלים ואמרוה שם, ובזכות זה ירדה שכינה לשם, ונגאלו.
**אור הגנוז**

אמירת ד' קאפיטלך הראשונים של תהלים בכל לילה קודם השינה, הוא סגולה גדולה לנהצל מחטא.
**שער הכוונות לר"ח וויטאל**

לומר תהלים הוא סגולה להביא גשמים לעולם, ומרומז בפסוק (דברים יא' יא) "למטר השמים **תשתה** מים" ר"ת **תהלם.**
**ספר המדות**

מי שאומר תהלים בכל יום תיבה אחר תיבה בקול רם, מאריכין לו ימיו ושנותיו.
**הנהגות ר"ח פאלאג'י**

בעבור כמה דברים קשים כגון מי שהיה מחוסר פרנסה, או שאר עגמת נפש, צוה הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זצ"ל לומר כל ספר תהלים בלי הפסק.
**מדרש פנחס**

הרה"ק ר' יוסף דער גיטער יוד מניישטאט זצ"ל האט זיך אמאל באגעגענט מיט דער צאנזער רב זצ"ל, און די צאנזער רב האט אים געזאגט: איך מאך היינט א סיום מסכתא, האט אים דער גיטע יוד געזאגט: איך מאך היינט אויך א סיום, אויף תהלים. האט אים די צאנזער רב געפרעגט אויב ער וויל זיך מיט אים טוישן סיום, און דער גיטער יוד האט בשום אופן נישט געוואלט אוועק געבן זיין סיום תהילים, אפילו פאר א סיום מסכתא.
**תהלים אור דוד**

און א קהילה לעבן פרעשבורג האט מען געוואלט אויף נעמען א רב פאר די קהילה, און עס איז געווען א שאלה אויף צוויי מענטשן, איינער פון זיי איז געווען א תלמיד פון חתם סופר, און איז געווען א גרויסע תלמיד חכם, און דער צווייטער איז נישט געווען אזא גרויסע תלמיד חכם, אבער א גרויסע עובד ה' און א צדיק, און פלעגט שטענדיג זאגען תהלים. דער חתם סופר האט שטארק געארבעט אז מען זאל נעמען זיין תלמיד פאר די רב, למעשה האבען זיי אויפגענומען דעם צווייטען, ווען דער חתם סופר האט עס געהערט האט ער געזאגט: וואס זאל איך טון, א תהלים האט א שטערקערע כח ווי איך האב!

ר' איציקל נעשכיזער זצ"ל האט דערציילט אז עס איז געווען אמאל א פשוטע מענטש וואס האט געדינגען א מיהל פון די פריץ, און ווען ער האט געהאט צייט פלעגט ער שטענדיג זאגן תהלים. ווען ער איז אוועק פון די וועלט איז אים דוד המלך אקעגן געקומען מיט די פידל וואס ער האט געזינגען בשעת ער האט געמאכט די תהלים.
**ספר זכרון טוב**

דער ספר **תהלה לדוד** ברענגט אראפ א ענליכע מעשה צו דעם; אמאל איז געווען איינע פון די חכמים וואס האבן געהאלטן אינמיטן א שיעור, פלוצלינג האט זיך דער חכם אויפגעשטעלט, און געלאפן צום פענסטער, א ארון איז דעמאלטס אריבער געגאנגען, און דער חכם איז ארויס צי די לויה, באגלייטן די ארון. ווען די מענטשן האבן דאס געזען, זענען זיי אויך ארויס צי די לויה.

שפעטער האבן זיי געפרעגט דעם חכם פארוואס איז ער ארויס צי די לויה, דער מענטש איז דאך געווען גאנץ א פשוטע מענטש? האט ער זיי געזאגט, ווייל איך האב געזעהן אז דוד המלך אליינס איז געקומען צי די לויה, דערפאר בין איך אויך ארויס!

האבן די תלמידים זיך נאך געפרעגט אויף דער מענטש, און זיי זענען געוואויר געווארן אז דער מענטש פלעגט כסדר זאגן תהלים און די ליידיגע צייט.

## אמירת תהלים בשבועות

נכון ללמוד התהילים ביום חג השבועות, כי דוד המלך ע"ה היתה מנוחתו ביום הזה, והיום הקדוש יומא דהילולא דיליה, עוד יעלו לרצון ביותר אמירת תהילותיו.

וממוצא דבר נראה דנכון ללמוד בשבועות ספר תהלים כולו שהוא יום ההילולא דדוד מלכנו, ונקדמה פני יוצרנו יתברך בתהלה לדוד, אשר שר בדביקה וחפיצה הלל נרצה, אלים זכותיה ויכולה היא שתגן לעוסק בתהלותיו.
**עבודת הקודש**

# לידת הבעל שם טוב הקדוש זי"ע

מיט בערך 300 יאר צוריק האט געלעבט א איד ר' **אליעזר** וואס איז געווען א גרויסער צדיק, ספעציעל האט זיך ר' אליעזר אויסגעצייכנט אין די מצוה פון הכנסת אורחים, ער האט מיט ווארעמקייט אויפגענומען יעדן איד, און יעדער אורח איז פון אים ארויס א שטארק צופרידענער. אזוי ווייט איז דערגאנגען זיין צדקות אין די מצוה ביז אפילו די מלאכים אין הימעל האבן זיך מתקנא געווען אין אים, און עס איז באשטימט געווארען אז מען דארף דעם ר' אליעזר'ן פרייוען מיט א גרויסן נסיון, צו זעהן צו ער וועט דאס קענען ביישטיין, דעמאלסט וועלן מיר וויסן אז ער איז באמת אויסגעצייכנט אין די מדה טובה.

צו דעם תפקיד איז אויסגעקליבן געווארן **אליהו הנביא זכור לטוב**, עס איז געווען א שבת אינדערפרי ווען אליהו הנביא האט זיך פארשטעלט פאר א אלטע פראסטע איד וואס טראגט זיין שטעקען מיט א בינטעל געלט אין שבת, כדי צו זעהן צו ר' אליעזר וועט זיך נישט בייזערן אויף אים.

דער אלטער איד איז אנגעקומען צו ר' אליעזר און זיך אויפגעפירט זעהר נישט איידל און פראסט, פארלאנגט אסך עסן, ווען ער האט געענדיגט עסן האט ער פארלאנגט א בעט זיך צו לייגען שלאפן זאגענדיג אז ער איז זייער מיד פון דעם לאנגען וועג.

ר' אליעזר האט זיך גאר נישט געבייזערט אויף אים נאר אלעס סובל געווען און געטוהן אזוי ווי ער האט געהייסען, און דער איד האט זיך אראפגעלייגט שלאפען. אזוי ווי עס איז יעצט קלאר געווארן פאר יעדעם איינעם אז ר' אליעזר איז באמת אויסגעצייכנט מיט זיין מדת הכנסת אורחים, האט זיך אליהו הנביא אנטפלעקט צו ר' אליעזר ווער ער איז, און אז דאס איז געווען א נסיון פון הימל צו ער וועט זיך בייזערן אויף א אורח, און אזוי ווי ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון, וועט זיין שכר זיין אז ער וועט האבן א זוהן וואס וועט פארשיינען די וועלט מיט זיין תורה און מיט א נייעם דרך אין עבודת השם וואס וועט אויפלייכטן די אויגן פון כלל ישראל עד ביאת המשיח.

א יאר איז אדורך און צו א מזל'דיגע שעה אין דעם טאג **ח"י אלול שנת תנ"ח לפ"ק** איז געבוירן געווארן ביי ר' אליעזר א זוהן, ער האט אים א נאמען געגעבען ישראל, און ער איז אויפגעוואקסן צו זיין דער רבי פון די דרך החסידות הרב הקדוש רבן ומאורן של ישראל רבינו הקדוש והטהור **רבי ישראל בעל שם טוב** זכר צדיק לברכה.

ווען ישראל איז אלט געווען פינעף יאר איז זיין פאטער נישט געזונט געווארען, האט ער צוגערופען ישראל צו זיין בעט און אים געזאגט: **"מיין קינד איך זאג דיר אן צוויי זאכען, זאלסט נישט מורא האבען פאר קיין זאך אין דער וועלט נאר פון השי"ת, און זאלסט ליב האבן א יעדן איד מיט דיין גאנצען הארץ"**, מיט די ווערטער האט זיך ר' אליעזר געזעגענט פון זיין זוהן און ער איז נפטר געווארן פון דער וועלט.

א קורצע צייט איז דורך און ישראל'ס מוטער איז ליידער אויך נפטר געווארען, איז דער קליינער ישראל געבליבן פאר'יתומ'ט פון טאטע און מאמע, די שטאט מענטשען האבן רחמנות באקומען אויף אים, און זיי האבן אים געגעבען צו א מלמד ער זאל מיט אים לערנען.

דער קליינער ישראל האט ליב געהאט צו גיין אליין אין וואלד און דארט איבער חזר'ן דאס לערנען פון אויסעווייניג, כאטש אנדערע קינדער האבען מורא געהאט צו גיין אין דעם וואלד, האט אבער ישראל גארנישט מורא געהאט, אזוי ווי זיין טאטע האט אים אנגעזאגט אין זיינע לעצטע ווערטער, **זאלסט נישט מורא האבען פאר קיין זאך אין דער וועלט נאר פון השי"ת.**

קיינער האט נישט געוואוסט ווי ישראל ווערט אלץ נעלם אויף א גאנצן טאג, אפילו נעכטיגן פלעגט ער אסאך מאל אין וואלד, ישראל פלעגט דארט לויבען דעם באשעפער פאר זיין טייערע וועלט וואס ער האט באשאפען.

צוויי יאר זענען אזוי דורך ביז איין טאג קומט ישראל אין וואלד אריין און הערט א קול אין וואלד, ישראל האט זיך דערנענטערט צום קול, און ער זעהט פון דערווייטנס ווי א איד שטייט איינגעהילט אין א טלית און דאווענט מיט

גרויס כוונה, זיין קול איז אזוי זיס און פייערלעך אז עס דערקוויקט דאס הארץ.

ישראל האט געווארט ביז דער איד האט אפגעדאווענט דאן איז ער צוגעגאנגען צו דעם איד און געגעבן 'שלום עליכם', דער איד האט צוריק געענטפערט 'עליכם שלום', און דער איד פרעגט: מיין קינד דו האסט נישט מורא צו גיין אליין אין אזא גרויסע וואלד? ענטפערט ישראל: ניין, מיין טאטע האט מיר אנגעזאגט פאר זיין פטירה **זאלסט נישט מורא האבען פאר קיין זאך אין דער וועלט נאר פון השי"ת**, און איך בין דאס שטענדיג מקיים. פרעגט דער איד ווייטער: דיין טאטע האט געהייסען ר' אליעזר? יא, ענפערט ישראל. האט דער איד ארויסגענומען א גמרא און געזאגט צו ישראל אז ער וויל מיט אים לערנען. זיי האבען זיך אוועקגעזעצט ביי א בוים און געלערנט אפאר שעה. נאכדעם האט דער איד מיטגענומען ישראל מיט זיך אין געוואנדערט צוזאמען פון דארף צו דארף. אויפ'ן וועג האט דער איד געלערנט מיט ישראל און אים געשפייזט, ישראל האט נישט געוואוסט אז דער איד איז פון די "צדיקים נסתרים" ער האט אבער געזעהן אין זיין פירונג אז ער איז א גוטער רבי פאר זיינעטוועגען.

אזוי האבען זיי געוואנדערט פון איין שטאט צו די צווייטע, איין טאג זענען זיי אנגעקומען אין א שטאט וואס דארט האט געוואוינט א אנדערער צדיק נסתר מיט'ן נאמען ר' **מאיר** און דער איד האט איבערגעלאזט ישראל ביי ר' מאיר ער זאל מיט אים לערנען תורה. פיר יאר האט ר' מאיר געלערנט מיט ישראל ביז ער איז בר מצוה געווארען איז ער שוין געוועזן א גרויסער גאון און צדיק.

ר' ישראל האט זיך געדרייט צווישען די צדיקים נסתרים אבער ער האט נישט געוואלט אז מ'זאל זיך דערוויסן וועגן גאונות אין תורה אדער פון זיין גרויסקייט אין עבודת ה', דערפאר האט ער געדינט דעם באשעפער באהאלטענערהייט, אזוי האבן די מענטשען פון שטאט געמיינט אז ער איז א איינפאכער בחור אזוי ווי אלע, אבער זיי האבן געזעהן אין אים אז ער איז זייער ערליך דערפאר האבן זיי אים אויפגענומען פאר א באהעלפער צו דעם מלמד צו ברענגען די קליינע קינדער אין חדר, און דאס גלייכן.

ר' ישראל האט אויסגעניצט די געלעגענהייט צו לערנען מיט די קליינע קינדערלעך די א' ב', ברכת התורה, ברכות השחר און שמע ישראל, און ער האט כסדר אריינגעפלאנצט יראת שמים אין די תינוקות של בית רבן.

ווען ר' ישראל איז אלט געווארן 26 יאר האט זיך באוויזען צו אים **אחיה השילוני** און געלערנט מיט אים 10 יאר ביז ער איז אלט געווען 36 יאר. דעמאלסט האט אחיה השילוני אים געזאגט אז ער קען מער נישט זיין באהאלטען, ווייל עס איז נגזר געווארען מן השמים אז ער מוז נתגלה ווערן כדי ער זאל פארשפרייטן זיין לעכטיגקייט אויף דער וועלט מיט תורה און מגלה זיין פאר'ן כלל ישראל דעם דרך החסידות, ווייל וועגן דעם איז ער אראפ געקומען אויף די וועלט, און אזוי האט ער טאקע געטוהן.

רבינו ישראל בעל שם טוב האט מיט זיין הייליגן דרך החסידות אונז מגלה געווען אז א איד דארף אלעמאל זיין בשמחה, נישט קיין חילוק לויט די אומשטענדען, ער דארף זיך אלעמאל מחזק זיין אז השי"ת וועט עם העלפן.

אויך האט ער אונז געלערנט די וויכטיגקייט פון 'אהבת ישראל', מען דארף ליב האבען יעדן איד מיט'ן גאנצען הארץ, עס איז נישט דא קיין חילוק צווישען איין איד און דעם צווייטען, יעדער איד האט זיין תפקיד אויף דער וועלט וואס ער דארף אויפטוהן און ווען ער איז משלים זיין תפקיד איז ער פונקט אזוי חשוב ווי א אנדערער.

אסאך הייליגע און הויכע און טיפע ענינים האט דער תורת החסידות אונז מגלה געווען, מיר קענען דאס לערנען אין די ספרי חסידות וואס די תלמידי בעל שם און זייערע תלמידים און אזוי ווייטער האבן אונז איבערגעלאזט לפליטה גדולה עד היום הזה.

הרב הקדוש **רבינו ישראל בעל שם טוב** זכותו יגן עלינו האט אויפגעשטעלט תלמידים גאונים וקדושים הייליגע אידן וואס זיי האבען געצויגען דער גאלדענער קייט פון דרך החסידות צו די שפעטערע דורות דורך זייערע תלמידים און קינדער.

דער בעש"ט איז נפטר געווארן דער ערשטער טאג שבועות, און עס זענען דא וואס זאגן אז די פטירה איז געוועהן דעם צווייטן טאג יו"ט, שנת תק"ך לפ"ק.

# הסתלקות מרן הבעש״ט הקדוש זי״ע

## שנת ה׳ אלפים תק״כ לפ״ג

### הושענא רבה שנת תק״כ

שוין אנהייב יאר תק״כ, הושענא רבה נאכן דאווענען, האט די בעש״ט הק׳ מודיע געווען פאר זיינע תלמידים אז דעם יאר וועט ער נסתלק ווערן. עס זענען דעמאלס געשטאנען לעבן אים נאר די יונגע תלמידים, האט זיי די בעש״ט געזאגט, "גרייט אייך צו א רבי א מורה דרך וואס וועט אייך אויפלייכטן די אויגן", און ער האט זיי געגעבן א סימן ווי אזוי מען זאל זיך אויסוועהלן א רבי, מען זאל אים פרעגן א עצה ווי אזוי מען קען דערוייטערן פון זיך די מדה פון גאווה, און אויב דער רבי וועט אייך געבן א עצה, דאס א ראיה אז דאס איז נישט קיין גיטע רבי, ווייל אויף די מדה פון גאווה איז נישט דא קיין עצה, נאר מען דארף אויף דעם לוחם זיין א גאנץ לעבן, און אויב ער וועט אייך זאגן אז דער אויבערשטער זאל ענק העלפן אבער איך האב נישט קיין עצה, דאס איז א סימן פון א גיטע רבי, און דאס איז א צדיק גמור.

### שביעי של פסח תק״כ

הרה״ק ר׳ פנחס מקאריץ זי״ע, איז געקומען יענע יאר צו פארן צום בעש״ט אויף פסח, ערב שביעי של פסח האט זיך ר׳ פנחס געשפירט זייער שוואך, און איז וועגן דעם נישט געגאנגען אין מקוה, יו״ט אינדערפרי ביים דאווענען האט ר׳ פנחס געשפירט אז ס׳איז דא א גרויסע גזירה אז בקרוב וועט נסתלק ווערן די בעש״ט, האט זיך ר׳ פנחס מורא׳דיג געשטארקט מיט תפלות מבטל צו זיין די גזירה און ממתיק זיין די דין, אבער עס האט אים נישט געהאלפן, אין עס האט אים זעהר פארדראסען פארוואס ער איז נישט געגאנגען אין מקוה ערב יו״ט, ווייל ווען ער וואלט געגאנגען אין מקוה וואלט ער שוין דעמאלס געזען די גזירה אין ער וואלט נאך געקענט עפעס טון. נאכן דאווענען האט אים דער בעש״ט געפרעגט אויב ער איז געווען אין מקוה, ווען ער האט געענפערט, ניין, האט ער אים געזאגט די גזירה איז שוין א גזירה און מען קען גארנישט טון, אזוי ווי ר׳ פנחס קאריצער האט דאס געהערט איז ער שוין פארבליבן און איז נישט אהיים געפארן ביז נאך די הסתלקות.

### בין פסח לשבועות

נאך יענע פסח האט דער בעש״ט הק׳ זייער שטארק געליטן אויפן מאגן, אבער מיט דעם אלעם האט ער זיך געשטארקט צו דאווענען פארן עמוד כמעט יעדן טאג, און ער האט דאס פאר קיינעם נישט פארציילט. פאר די תלמידים וואס ער האט געוויסט אז זיי וועלן זיך שטארקן מיט תפלות ער זאל בלייבן לעבן האט געהייסן זיי זאלן אוועק פארן און נישט בלייבן אין מזעבוז אויף שבועות.

אפאר וואכן פאר שבועות האט ער געזאגט פאר הר״ר לייב קעסלער אז ער ווייסט אז ער דארף באלד נסתלק ווערן, ווען ר׳ לייב האט דאס געהערט האט ער זיך גענומען שרייען, רבי איך בין מסכים צו גיין אנשטאטס דיך, אבער דער בעש״ט האט נישט מסכים געווען און ער האט אים געענפערט, "אויב מען וואלט מיר צוריק געגעבן די אלע מוחין וואס איך האב געהאט וואלט איך געוואלט בלייבן לעבן, און אויב נישט למה לי חיים".

### החולשות מתגבר

במשך די פאהר טעג פאר שבועות האט מען באמערקט אויף אים א מורא׳דיגע שוואכקייט, אויך זיין שטימע איז געווארן זעהר שוואך, קוים וואס מען האט געקענט הערן וואס ער רעדט, אבער אין עבודות השם האט מען נישט געזעהן קיין שום חולשות, ער איז נישט געליגן אין בעט, נאר ער האט זיך שטארק מתבודד געווען מיט גרויסע דביקות, נאך די פאר טעג האט ער שוין אפילו נישט געקענט רופן זיין שמש פון גרויס שוואכקייט, האט מען געמאכט א שטריק צוגעבונדן די א גלעקל, און ווען ער האט אים גדארפט, האט ער געשלעפט די שטריק און די גלעקל האט געקלונגען, אין די שמש אריין געקומען.

## ליל שבועות

שבועות ביינאכט האבן זיך צוזאמען גענומען אלע חסידים מיט אנשי מעשה צו בלייבן אויף א גאנצע נאכט און אנרעכטן די תיקון ליל שבועות פונעם אר"י ז"ל. און די בעש"ט האט געזאגט פאר זיי תורה.

פארטאגס האט די בעש"ט געשיקט א שליחות אז ער האלט ביים נפטר ווערן, די חבריא קדישא זענען גלייך געקומען און די בעש"ט האט זיי אנגעוויזען ווי אזוי זיי זאלן זיך עוסק זיין מיט אים ביים באגראבן, אויך האט ער זיי געוויזען ווי אזוי זיין נשמה גייט ארויס גיין, קודם פון די אבר און נאכדעם פון די אבר א.א.וו.. נאכדעם האט ער געבעטן מען זאל רופן א מנין זיך צו שטעלן דאווענען שחרית, ווען מען האט אים געברענגט דאס סידור האט ער געזאגט "באלד וועל איך שוין רעדן מיטן אויבערשטער אליין.

## ננעלו שערי תפלה

נאכן דאווענען איז געגאנגען הרה"ק ר' נחמן מהורידענקא זצ"ל אין ביהמ"ד מעורר זיין רחמים, האט די בעש"ט געזאגט אויף דעם, "בחנם איז ער מרעיש עולמות, ווען ער וואלט געקענט אריין גיין אין די שער ווי איך פלעג אריין גיין, וואלט ער נאך געקענט עפעס אויפטוהן.

ביז דערווייל איז אריין געקומען א נשמה פון א מת און געבעטן א תיקון, די בעש"ט האט זיך אויפגערעגט און געזאגט צו די נשמה " שוין אכציג יאר וואס די דרייסט זיך אזוי ארום, און ביז היינט האסטו נישט געוויסט אז עס איז דא א בעש"ט, גיי ארויס רשע!", און דער בעש"ט האט געהייסן די עולם זאל זיך ריקן אין די זייט, ווייל די נשמה איז זעהר אויפגערעגט און קען שעדיגן א מענטש.

ווען די משרת איז אריין געקומען האט ער געהערט ווי די בעש"ט זאגט "איך בין דיר מוחל די צוויי שעה אבער זאלסט מיך נישט פייניגען", די משרת האט זיך געוואונדערט און געפרעגט, צו וועמען האט יעצט דער רבי גערעדט? האט ער אים געענפערט "דו זעהסט נישט ווי די מלאך המות שטייט דא, ביז היינט איז ער אייביג אנטלאפן פון מיר, יעצט אז מען האט אים געגעבן רשות, איז ער מלא שמחה".

## סעודות החלב

דער בעש"ט האט באפוילן מען זאל צוגרייטן די מילכיגע סעודה. די מנהג איז געווען ביים בעש"ט אלע יארן שבועות ביי די מילכיגע סעודה אויסצוטיילן משקה פאר יעדער וואס איז דארט געווען. און דעם שבועות האט דער בעש"ט געהייסן די משרת זאל ברענגן די משקה אין א גרויסע פלאש, אבער די משרת האט נישט געקענט באקומען א גרויסע, און ער האט געברענגט אין א קליינע, האט זיך די בעש"ט אנגערופן "**אֵין שִׁלְטוֹן בְּיוֹם הַמָּוֶת**" אפילו די גבאי פאלגט מיך נישט.

ווען מען האט געברענגט די משקה האט דער בעש"ט געטיילט פאר יעדען, און אנגעזאגט פאר יעדעם איינעם פון וואספארא מאכל ער זאל זיך אפהיטן. נאכדעם האט ער געזאגט, ביז דא האב איך מיט ענק גומל חסד געווען, יעצט זאלט איר מיט מיר גומל חסד זיין.

## אבטח ולא אפחד

נאכן סעודה איז דער בעש"ט אויפגעשטאנען, און די גבאי איז גלייך צוגעלאפן ווייל ער האט מורא געהאט פארן חולשה פונעם בעש"ט, האט ער אים געזאגט האב נישט מורא, זאלסט וויסען אז ווען די צוויי ווייזערס פון די זייגער וועלן בלייבן שטיין וועסטו וויסען אז מיין נשמה גייט ארויף, נאך אפאר מינוט איז איין ווייזער געבליבען שטיין, האט ער זיך אנגערופן און געזאגט "איך זארג מיך נישט, איך ווייס אז די מיתה וועט מיר אדורך גיין גרינג, אזוי ווי איך וועל ארויס גיין פון איין עפענונג וועל איך אריין גיין אין א צווייטע עפענונג".

## ויצו את ביתו

הרה"ק ר' צבי די זוהן פונעם בעש"ט, האט נישט געגלייבט אז די נשמה פון זיין הייליגן טאטן וועט נסתלק ווערן, און נאכן דאווענען איז ער זיך געגאנגען אראפ לייגן, ווען די תלמידים האבען געזעהן אז די צייט ווערט נענטער, זענען זיי אים געגאנגען אויפוועקן, און ר' צבי איז גלייך געקומען צו לויפן מיט מורא'דיגע בכיות. האט אים די בעש"ט געזאגט, "איך בין בכח אראפ צו ברענגען פאר דיר די נשמה פון אדם הראשון אדער פון ר' אלעזר ב"ר שמעון, און דעמאלס וואלסטו געוויסט אלעס וואס מען

דארף צו וויסען, אבער פאר די הייליגע נשמה וואס די האסט פעלט עס נישט אויס״.

ר׳ צבי האט געבעטן דאך זאלסטו מיך עפעס זאגן, האט די בעש״ט אנגעהויבן צו רעדן מיט גרויס התלהבות, האט ר׳ צבי געגעבן א שריי טאטע! איך פארשטיי נישט קיין איין ווארט, האט אים די בעש״ט געענטפערט די וועלט איך קען נישט רעדן, און ער האט אים אויסגעלערנט א הייליגער ׳שם׳, און האט אים געזאגט ווען די וועסט אינזינען האבען די שם וועסטו מיך זעהן לערנען, האט ער אים געפרעגט אפשר וועל איך פארגעסן די שם, האט ער אים געגעבן א סגולה ער זאל עס געדענקן.

### הכנה דרבה

נאכדעם האט דער בעש״ט זיך אראפגעזעצט אויפן בעט און די תלמידים האבעם ארום גענומען די בעט, און דער בעש״ט האט אנגעהויבן זאגן תורה אויף די וועג וואס מען גייט פון גן עדן התחתון צו גן עדן העליון, און אזוי ווייטער אין יעדער עולם וואס א מענטש גייט דורך. נאכדעם האט ער באפוילן מען זאל זאגן ויהי נועם, און מען האט געקענט זעהן ווי ער איז מכון אלע כוונות און די יחודים.

בערך מיט צוויי שעה פאר דער בעש״ט איז נסתלק געווארן האט מען געהערט ווי ער זאגט **״רבונו של עולם די צוויי שעות געב איך דיר במתנה״**.

ממש פאר דער בעש״ט איז אוועק האט ער געזאגט **״איך לאז איבער אלע כוונות מיט יחודים וואס איך האב געהאט, איך בין יעצט א פשוט׳ער נאַר און איך גלייב באמונה שלימה״**.

### אל תבואינו רגל גאווה

פאר דער בעש״ט איז נסתלק געווארן האט מען געזען ווי די ליפן שאקלען זיך, דער עולם האט זיך אונטער געבויגען און געהערט ווי דער בעש״ט זאגט ״רבונו של עולם איך בעט דיר **אל תבואינו רגל גאווה**״ (תהלים ל״ו)״, זאלסט נישט אריין ברענגען אין מיר, א פיס - טריט פון **גאווה!**

### נשבה ארון הקודש

דער בעש״ט האט באפוילן מען זאל אריין ברענגן די תכריכין, אין ער האט אנגעהויבן צו ציטערן און שוויצן אזוי ווי ער האט געפלעגט אויסזעהן ביי שמונה עשרה, נאכדעם האט ער זיך בארואיגט, און די צווייטע ווייזער פון די זייגער איז געבליבן שטיין, מען האט אבער נישט באמערקט אויף אים קיין שום שינוי, ביז מען האט באשלאסן צו לייגען א פעדער לעבן די נאז לעכער, און מען האט געזעהן אז ער שאקלט זיך נישט, דעמאלס האבען זיי פארשטאנען אז די הייליגע נשמה פונעם בעש״ט הק׳ איז ארויף געגאנגען אין הימעל. עס איז שווער זיך פארצושטעלן די בכיות מיט די הספדים וואס עס איז דעמאלס פארגעקומען.

### קדושת קברו

די הייליגע ציון פונעם בעש״ט וואס געפונט זיך היינט אין מעזיבוז, איז א מקום קדוש וואס אסאך מענטשן זענען דארט געהאלפן געווארן, מיט כל מיני ישועות טובות.

עס ווערט געברענגט אין ספרים אז ווען דער בעש״ט איז אוועק פון דער וועלט, איז זיין תלמיד ר׳ וואלף קיצעס ארויף אויף די בימה און געזאגט: **מיר האבן נישט קיין מושג ווער די בעש״ט איז געווען, ווען ער זאל זיין און די צייטן פון די אמוראים וואלט ער געווען א אמורא, ווען ער זאל זיין און די צייטן פון תנאים וואלט ער געווען א תנא, ווען ער זאל זיין און די צייט פון גאונים וואלט ער געווען פון די גאונים**, און אזוי האט ער ממשיך געווען ביז די צייטן פון די אבות, און געזאגט אז ווען ער זאל **ווען זיין און די צייטן פון די אבות וואלט ער געווען פון די אבות, און מען וואלט געזאגט ביי שמונה עשרה ״אלקי אברהם אלקי יצחק אלקי יעקב ואלקי ישראל״**, אזוי ווייט איז געווען די קדושת הבעש״ט.

***

נאך די הסתלקות האבן זיך די תלמידים צוזאם געזעצט און אנגעפאנגען איבער צו שמועסן די תורה פון די בעש״ט, האט זיך דער בעש״ט באוויזן צי זיי און חלום און געזאגט **פארוואס שמועסט איר פון מיין תורה און איר שמועסט נישט פון מיין יראת שמים.**

# סיפורי מעשיות מהבעש״ט הק׳

דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זי״ע, האט פון אייביג אהן שטארק געגלוסט און געשטרעבט צו באגרייפען און פארשטיין דעם געוואלדיג הייליגען כח פון דעם בעל שם טוב זי״ע. ער פלעגט אסאך מתפלל זיין אז פון הימל זאל מען איהם דאס באוויזען. ער האט אבער באקומען פון הימל א ענטפער אויף זיין פארלאנג: "אויף דעם נידריגען וועלט מיט די גשמיות׳דיגע קערפער, איז דאס אוממעגליך צו פארשטיין און דערגרייכען. אפילו מען זאל זיין אויסגעארבעט ווי שטארק מעגליך, - קען מען דאס נישט זעהן".

אבער דאס אלעס האט נישט פארקלענערט און פארמינערט דעם ווילען פון דעם צדיק זי״ע, ער האט נאך אלץ געטראכט און געהאפט אז הלוואי זאל מען איהם פון הימל מאכן קענען די געוואלדיגע קדושה פון דעם בעש״ט זי״ע - דער געטליכער צדיק וואס האט אראפ געשיינט אויף די וועלט דעם הייליגען דרך אין עבודת ה׳, דעם "דרך החסידות". און דער וואס האט דערנענטערט צענדליגע טויזענטער אידן צו זייער פאטער אין הימל.

דער צדיק זי״ע האט נישט אפגעשטעלט זיינע הייסע תפילות, און ווייטער פארגעזעצט מיט זיין געבעט. ביז ענדליך האט מען איהם פון הימל נאכגעגעבן זיין פארלאנג.

אנהייב חודש אדר תקמ״ז, - אין בית המדרש פון דעם הייליגען רבי ר׳ אלימלך זי״ע, זיצט זיין חשובער און באליבטער תלמיד הרב הקדוש רבי קלונמוס קלמן זי״ע, בעל מחבר ספר "מאור ושמש". זיינע ליכטיגע אויגן זענען פארטיפט אין דעם אפענעם ספר וואס איז געליגען פאר איהם, זיין שטערן איז באדעקט מיט טיפע קנייטשן, און זיינע מחשבות זענען באהאפטן אין דעם הייליגן בורא עולם.

פלוצלינג איז עמיצער צוגעגאנגען צו איהם און איבערגעהאקט זיינע הייליגע מחשבות. יענער זאגט איהם אריין אין אויער שטילערהייט: "דער רבי בעט אייך אריין צו קומען צו איהם אין צימער".

דער רבי זי״ע איז געזעצען ביי זיך אין צימער פארטיפט מיט אן ערענסטקייט אין זיינע געדאנקען, און מייחד געווען הייליגע יחודים. ער הייבט אויף זיינע אויגן און באטראכט דעם "מאור ושמש" פון אויבן ביז אראפ.

"הער מיך צו, מיין חשובער תלמיד" - רופט זיך אהן רבי ר׳ אלימלך זי״ע - "פון אלע מיינע תלמידים, האב איך פונקט דיר אויסגעוועלט צו ווייזען גאר אן אינטערעסאנטע זאך וואס נישט יעדער איינער האט א זכיה דאס צו זעהן. דערפאר, גרייט זיך צו, מיט קדושה און טהרה און באהעפט זיך מיט דיין גוף און נשמה אין דעם הייליגן באשעפער. דאן וועסטו זוכה זיין, עס זאל פאר דיר אנטפלעקט ווערן א הערליכע איבערראשונג"!

דער "מאור ושמש" זי״ע האט פארלאזט דעם רבי׳נס צימער פארוואונדערט און איבערראשט פון די הייליגע ווערטער. אבער ער האט גארנישט פארשטאנען די באדייטונג פון דעם איבערראשונג פון וואס דער רבי האט גערעדט. ער האט זיך גענומען צוגרייטען מיט קדושה און טהרה און זיך געררייניגט און אויסגעלויטערט ווי ווייט ער האט נאר געקענט, כדי ער זאל זיין ווערט צו צוזעהן דעם גרויסן ערשיינונג.

ס׳איז שוין שפעט אין דער נאכט נאהנט צו חצות, די גאסן זענען ליידיג געווען, קיין איין מענטש געפונט זיך נישט אינדרויסען, און א געדיכטע שטילקייט און פינסטערניש האט געהערשט אויף די גאנצע באשעפעניש. דער "מאור ושמש" זי״ע שפאנט זיך געמיטליך צו די ריכטונג פון דעם רבי׳נס הויז. בלויז די קלאפן פון זיין פוס טריט הערט זיך אין די שטילקייט פון די נאכט.

אריין קומענדיג צום רבי׳ן, רופט זיך אהן רבי ר׳ אלימלך זי״ע: "שטרענג זיך אהן, מיין טייערע תלמיד, באהעפט אלע דיינע מחשבות אינגאנצן צו דעם הייליגן בורא עולם, און דו זאלסט חס ושלום קיין איין רגע נישט מסיח דעת זיין פון באשעפער ביז נאך די ערשיינונג!!!"

די צוויי הייליגע צדיקים זענען שטילערהייט ארויס געגאנגען פון דעם שטוב, און זיך געלאזט גיין אין די ריכטונג פון די הויכע בערג וועלכע זענען געווען אויפן וועג צום שטעטישן בית החיים.

די נאכט איז געווען אנהייב פון דעם חודש און א טונקעלקייט האט דארט געהערשט. בלויז די שטראלן פון די טויזענטע שטערנס האבן געפינקעלט פון די הויכקייט פון דעם קלאהרן הימל. דער ווינט האט געבלאזען און געפיפען אזוי ווי ער וואלט זיי באגלייט.

א גאנצע צייט גייענדיג אויפן וועג האבן די צוויי צדיקים געשוויגען און קיין מינדעסטן ווארט נישט ארויס גערעדט. דער "מאור ושמש" האט נישט דערוויגט צו פרעגן ווי מען גייט? אדער וואס וועט מען יעצט זעהן? - דאס איז געווען א באהאלטענע סוד אויף וואס מען פרעגט נישט קיין שאלות. מיטן גאנצן הארץ פראבירט ער אויסצופיהרן דעם רצון פון זיין רבי׳ן - נישט מסיח דעת זיין פון באשעפער.

זיי דערגרייכען צו א באשטימטן ארט, און דער הייליגער רבי האט זיך אפגעשטעלט און אנגעהויבן ארום קוקען אין דעם גאנצן געגענט. א אויסערגעוועהנליכע שטילקייט האט דארט געהערשט און א שרעקליכע גייסט פון ציטער האט געשוועבט אויף די צוויי צדיקים. זיי האבן געפיהלט אזוי ווי זייער נשמה געפונט זיך נישט אויף די וועלט.

רבי ר׳ אלימלך זי״ע שטייט דארט מיט פעסט פארמאכטע אויגן פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות, און זיין פנים איז פלאמענדיג רויט. דער "מאור ושמש" ווארפט זיך פון גרויס שרעק און ער פאלט ממש פון די פוס. און אט הערט ער ווי דער רבי זי״ע רופט זיך אהן צו איהם מיט א ווייכע שטימע:

"חזק ואמץ! שטארק זיך מיט א דערהויבענע פעסטקייט, לאז זיך נישט אפשוואכען, דאן וועסטו זוכה זיין צו זעהן די הייליגע ערשיינונג ביז צו די ענדע"!!

דער רבי זי"ע האט באלד א כאפ געטוהן די צוויי הענט פון זיין תלמיד און זיי אריין געשטיפט טיף אין זיין גארטעל, און אויפגעהויבן זיינע הענד צום הימל.

דער צדיק האט געבראכען די שטילקייט מיט א תפילה וואס ער האט ארויסגעזאגט, און מייחד געווען יחודים מיט שמות הקדושים. באלד האבן זיך די הויכע הימלען געשפאלטן. א ריזיגע פייער האט אראפ גענידערט אויף די וועלט, און די שטארקע פייער האבן זיך צושפרייט צעהנדליגע טויזענטע פונקען וואס האבן באדעקט די גאנצע הוילקייט פון די וועלט פון איין עק ביז צום צווייטן עק.

א קורצע צייט דערנאך האבן זיך איינגעזאמעלט אלע פייער-פונקען פון די גאנצע וועלט, און זענען איינגעשלינגען געווארן אין דער ערד נעבן זייער פוס.

דער "מאור ושמש" איז נישט געווען בכח צו צוקוקען אזוי לאנג צו דעם הייליגן און מורא'דיגן בילד, און זיינע אויגן זענען פון גרויס שרעק פארטונקעלט געווארן. און ווען נישט וואס ער האט אנגעכאפט דעם רבי'ן מיט זיינע ביידע הענט, וואלט ער אוועק געפאלען חלשות.

דערנאך הערט ער ווי דער רבי זי"ע שרייט אויס: "שוין גענוג"! - און באלד האבן זיך די הימלען צוריק פארמאכט און די פייער איז פון דארט פארשוואונדען געווארן.

דער "מאור ושמש" האט צוביסלעך צוריק געעפענט זיינע אויגן און זיך אנגעשטרענגט צו איינהאלטן זיין שרעק. מיט גרויס וואונדער און שטוינונג האט ער אריין געקוקט אין דעם רבי'נס אויגן און געווארט אויף א ערקלערונג אויף דעם גאנצן פאסירונג.

און דער רבי זי"ע האט זיך אנגערופען: "פון אייביג אהן האב איך געוואוסט און פארשטאנען דעם געוואלדיג גרויסן כח פון דעם הייליגן בעש"ט זי"ע. א סאך תנאים און אמוראים און אויך אנדערע פריערדיגע גרויסע צדיקים האבן נישט זוכה געווען צו דעם טיטעל "בעל שם טוב". ביז עס איז געבוירן געווארן דער צדיק רבי ישראל פון מעזשבוזש זי"ע און באקומען פון הימל דעם טיטל". און דער רבי זאגט ווייטער: "אלעמאהל האב איך געשטרעבט און געגלוסט צו זעהן די גרויסקייט פון זיין קדושה, אבער פון הימל האט מען מיר דאס נישט נאכגעגעבן. נאך פוהל שטארקע תפילות האט מען מיר אנטפלעקט אז ערשט א קורצע צייט פאר מיין פטירה וועל איך זוכה זיין דערצו. אצינד מיין טייערע תלמיד, וואוסען זאלסטו, אז די גרויסע פייער וואס דו האסט געזעהן, דאס איז געווען די הייליגע נשמה פון דעם בעל שם טוב זי"ע. די פונקען וואס זענען צושפרייט געווארן אויף אלע זייטן פון די וועלט, דאס איז דער גרויסער כח התורה והחסידות וואס שיינט אויף אלע פיהר עקן פון די וועלט, בזכות פון דעם בעש"ט זי"ע".

"דערפאר הער מיך גוט צו" - ענדיגט דער רבי זיינע ווערטער - "עס איז שוין אנגעקומען מיין צייט צו פארלאזען די וועלט. ווען מיינע תלמידים וועלן זוכען א פאסיגע ארט מיך צו באגראבן, זאלסטו זיי זאגן אז דא אויף דעם ארט - ווי ס'האט זיך אנטפלעקט פאר אונז די גרויסע ערשיינונג פון דעם בעל שם טוב'ס נשמה -וויל איך טרעפן מיין ריהונג".

רבי ר' אלימלך זי"ע זוכט אויס פיהר לאנגע לייסטלעך און ער שטעקט זיי אריין אויף די פיהר זייטען, אלץ צייכען אז דארט וויל ער באגראבן ווערן.

די צוויי צדיקים האבן פארלאזט דעם ארט, אבער דער "מאור ושמש" האט זיך נאך אלץ געמוזט אנכאפן אין דעם רבי'ן, ווייל ער האט זיך נאך נישט געקענט איינגאנצן בארוהיגן פון דעם הייליגן און מורא'דיגן ערשיינונג וואס האט זיך אפגעשפילט פאר זיינע אויגן.

עטליכע טעג שפעטער, כ"א אדר תקמ"ז איז דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע נסתלק געווארן בקדושה וטהרה, און זיינע תלמידים האבן איהם מקבר געווען טאקע אויף דעם ארט פון די הייליגע ערשיינונג פון דעם בעש"ט זי"ע.

***

דער שר שלום פון בעלזא זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל האט ער געזעהן אין חלום, אז מען פיהרט איהם ארום אין גן עדן העליון, און מען ווייזט איהם די מויערן פון "ירושלים של מעלה". און אויף איינע פון די מויערן שפאצירט ארום אן אלטער מענטש. אויף זיין שאלה ווער יענער מענטש איז? האט מען איהם גענטפערט: אז דאס איז רבי ישראל בעל שם טוב זי"ע, וואס ער האט געשוואוירען אז ער וועט נישט אראפ גיין פון די מויערן ביז משיח וועט קומען און צוריק אויפבויען דעם בית המקדש.

***

צדיקים האבן געזאגט: "ביז משיח וועט קומען, אין יעדע ארט פון די וועלט, וועלכער איד עס זאל נאר זיין, אז ער וועט האבן אפילו נאר א קליינע און קורצע מחשבה פון תשובה, קומט דאס אלעס פון דעם גרויסן כח הקדושה פון דעם הייליגען בעל שם טוב.

**זכותו הגדול והקדוש**
**יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

# קצת משבחי בעל שם טוב הקדוש זי"ע

מיר האבען אמונה אז ביז משיח וועט קומען וועט א איד וועט געבען קרעכץ, און זיין הארץ וועט ווערן צובראכען, אלעם איז פון די כח פון דער בעש"ט הק'. (הרה"ק המגיד מטשערנאבל זי"ע)

עס איז א קבלה ביי אונז אז דער בעש"ט איז פון די נשמות וואס זענען אוועק געלאפען אין נישט געווען ביי די חטא פון די עץ הדעת. (בית אהרן)

**היו היה דבר ה' ביד הבעש"ט ויגזור אומר ויקם** (אלעם וואס די בעש"ט האט געזאגט האט השי"ת מקיים געווען) **ומהקדמונים לא קם כמהו ואחריו לעפר מי יקום.** (הרה"ק ר' מענדל מוויטעפסק)

אחיה השלוני וואס האט מקבל געווען תורה פון משה רבינו ע"ה און איז געווען פון די יוצאי מצרים, און אויך פון בית דינו פון דוד המלך און איז געווען די רבי פון אליהו הנביא ער איז געווען די רבי פון דער בעש"ט. (תולדות יעקב יוסף)

דער הייליגע תולדות יעקב יוסף האט געזאגט פאר זיין פטירה פון די וועלט, אז ער בעט פון השי"ת אז ער זאל פארדינען פון זיין תורה און מצות וואס ער האט געטוהן זיין גאנץ לעבען דאס וואס דער בעש"ט האט פארדינט בשעת ער האט געררייכערט זיין לולקע. (זוהר חי)

דער שר שלום פון בעלזא האט געזאגט אז און די זכות פון די בעש"ט וואס זיין נשמה איז געווען אזוי גרויס, זענען אלע נשמות פון זיין דור געווען גרויס.

א יעדע וואך פלעגט אליהו הנביא קומען צו דער בעש"ט און אים זאגען א גיטע וואך! איינמאל ווען ער איז געקומען און דער בעש"ט איז געווען זייער פארטיפט און עבודת השם, ווען אליהו הנביא האט דאס געזעהן איז ער פון אים אנטלאפען פון גרוים פחד. (ספרן של צדיקים)

דער בעש"ט האט ממנה געווען יעדע חודש ניסן די מלאכים אויף וואס זיי זאלן זיין באשטימט, און אויב איין מלאך איז אים נישט געפאלען, האט ער אים מעביר געווען פון דארט. (עבודת ישראל)

דער בעש"ט האט אמאל געפרעגט פון משיח: ווען וועסטו קומען? האט ער געענטפערט ווען עס דיין תורה וועט ווערן צושפרייט ביי יעדעם איינעם,

און ער האט געזאגט א רמז אויף דעם, "ובני ישראל יוצאים ביד רמה" און די תרגום זאגט אויף די פסוק "בריש גלי" - דאס איז ר"ת **ר**בי **י**שראל **ב**על **ש**ם - גלי ווען עס וועט ווערן אנטפלעקט.
(דגל מחנה אפרים)

מען האט עדות געזאגט אויף דער בעש"ט אז בשעת ער האט געלערנט מיט זיינע תלמידים האט א פייער געפלאקערט ארום זיי, און מלאכים האבען זיי ארום גענומען און זיי אויסגערייניגט, ביז זיי האבען געהערט די מעמד הר סיני מיט קולות וברקים, און געהערט "אנכי ה' אלקיך" און אלע אנדערע דברות. (היכל הברכה)

דער הייליגע בעש"ט הק' האט געהאט אסאך תלמידים, עס איז פאר אונז נישט באקאנט ווי סאך פונטקליך ער האט געהאט, עס שטייט אין ספר נתיב מצותיך אז דער בעש"ט פאר ער איז געבוירען האט נישט געוואלט אראפ קומען אויף די וועלט, די עולם השפל וואס איז פיל מיט גשמיות, ביז מען האט אים צוגעזאגט זעכציג גבורים נשמות פון צדיקים וואס זאלען אים היטען.

# א טיילווייזע רשימה פון די תלמידי הבעש"ט

א. בנו הה"ק ר' צבי
ב. חתנו הה"ק ר' יחיאל
ג. גיסו הה"ק ר' גרשון קיטבער
ד. גיסו הה"ק ר' אהרן קיטבער
ה. גיסו הה"ק ר' יעקב
ו. חתן חורגו הה"ק ר' יוסף אשכנזי
ז. נכדו הה"ק ר' משה חיים אפרים מסדילקאב (דגל מחנה אפרים)
ח. נכדו הה"ק ר"ר ברוך ממעזיבוז
ט. הה"ק ר' דוב בער ממעזריטש (המגיד)
י. הה"ק ר' יעקב יוסף מפולנאה (תולדות יעקב יוסף)
יא. הה"ק ר' פינחס מקארעץ
יב. הה"ק ר' יצחק מדראהביטש
יג. הה"ק ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב
יד. הה"ק ר' וואלף קיצעס
טו. הה"ק ר' דוד לייקיס
טז. הה"ק ר' דוד פירקוס
יז. הה"ק ר' דוד ממיקאלייעב
יח. הה"ק ר' דוד (השני) ממיקאלייעב
יט. הה"ק ר' דוד מקולמייא
כ. הה"ק ר' נחמן מקאסוב
כא. הה"ק ר' נחמן הורדנקא
כב. הה"ק ר' יהודא ליב פיסטנער
כג. הה"ק ר' יהודא לייב מפולנאה (המוכיח)
כד. הה"ק ר' מנחם מענדל מבאר
כה. הה"ק ר' מנחם מענדל מפראמישלאן
כו. הה"ק ר' מאיר (הגדול) מפראמישלאן
כז. הה"ק ר' משה מדאלין (דברי משה)
כח. הה"ק ר' משה מקיטעב
כט. הה"ק ר' משה קעדס
ל. הה"ק ר' יחיאל מיכל מהודאדני
לא. הה"ק ר' קהת מווערש
לב. הה"ק ר' שמריל מווערהיווקא
לג. הה"ק ר' יוסף מדראהביטש
לד. הה"ק ר' ליפא מחמעלניק
לה. הה"ק ר' אברהם דוב מחמעלניק
לו. הה"ק ר' נחום מטשערנאביל (מאור עינים)
לז. הה"ק ר' מאיר מרגליות מאוסטאראה (מאיר נתיבים)
לח. הה"ק ר' יצחק דוב מיזאלוויטץ
לט. הה"ק ר' יעקב יוסף מאוסטראה (רב ייבי)
מ. הה"ק ר' יעקב קאפעל מקולמייא
מא. הה"ק ר' אפרים סופר
מב. הה"ק ר' צבי הירש סופר
מג. הה"ק ר' סענדר סופר
מד. הה"ק ר' יוסף יואל מסטעפין
מה. הה"ק ר' אברהם אבא (אבי ר"פ מקארעץ)
מו. הה"ק ר' אברהם מפאדאלסק
מז. הה"ק ר' אברהם אבא מדוביסאר
מח. הה"ק ר' אברהם אבא מקרבוש ושדה לבן
מט. הה"ק ר' חיים קראסנער
נ. הה"ק ר' מאיר מקאנסטיטין
נא. הה"ק ר' דוד הלפרין מאוסטראה וזסלב
נב. הה"ק ר' דוב בער מזסלב
נג. הה"ק ר' ישראל מסאטינוב (תפארת ישראל)
נד. הה"ק ר' יוסף מקאמינקא
נה. הה"ק ר' ברוך מקאמינקא
נו. הה"ק ר' שמואל מקאמינקא
נז. הה"ק ר' צבי הירש מקאמינקא
נח. הה"ק ר' דוד מקאמינקא
נט. הה"ק ר' מאיר מקאמינקא
ס. הה"ק ר' יצחק ממעזריטש
סא. הה"ק ר' ליב קעסלער
סב. הה"ק ר' יונה מקאמינקא
סג. הה"ק ר' אהרן ממעזיבוז
סד. הה"ק ר' יוסף משה ממעזיבוז
סה. הה"ק ר' יעקב ממעזיבוז
סו. הה"ק ר' יעקב מסמילא
סז. הה"ק ר' יעקב מהאניפולע
סח. הה"ק ר' לייבוש ממעזריטש
סט. הה"ק ר' אהרן מקליוואן
ע. הה"ק ר' ליב "ממארי דחושבנא

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

# ענינים וסיפורים

די תורה איז געגעבן געווארן צו כלל ישראל אויפן בארג סיני אין דעם יאר **ב׳ אלפים תמ"ח** (2,448) נאך די בריאת העולם.

די תורה איז געגעבן געווארן נאך 26 דורות פון די בריאת העולם, אזוי ווי די משנה זאגט "עשרה דורות מאדם עד נח, ועשרה דורות מנח עד אברהם, און נאכדעם יצחק, יעקב, לוי, קהת, עמרם, משה, קומט אויס 26.

עס שטייט אין פסוק "**וירא העם וינועו**". זאגט דער ספר ׳כל בו׳, אז פון דא איז ראיה אז ווען מען לערנט תורה דארף מען זיך שאקלען.

### וואס מען קען דערגרייכן מיט התמדה אין לערנען

דער מיטעלער בעלזער רב זי"ע האט אמאהל דערציילט די מעשה מיט גרויס התלהבות, וואס פון דעם זעט מען ווי גרויס און חשוב די תורה איז אפילו פון א פראסטער מענטש:

אמאהל אין א בית המדרש אין גאליציע איז געווען א גרויסע התעוררות צו לערנען די הייליגע תורה. עס איז געווען אין די "**שלשת ימי הגבלה**" און יעדער איז געווען באשעפטיגט זיך צו צוגרייטען ווי עס דארף צו זיין צו די טעג פון קבלת התורה. דער בית המדרש איז געווען געפאקט מיט אידן וועלכע זענען געזעצן און געלערנט מיט התמדה אהן קיין אויפהער, אז די קול תורה האט זיך געהערט ביז ארויס אויף די גאס. עס איז פונקט אריבער געגאנגען א פראסטער מענטש אן עם הארץ, און ווען ער האט געהערט דעם זיסען קול פון לערנען האט ער זיך פארגליסט אריין צו גיין אין בית המדרש. ווען ער האט געזעהן דעם געוואלדיגן בילד ווי אלע לערנען מיט אזא געשמאק, האט ער זיך אויך געוואלט צוזעצן און לערנען. אבער ליידער האט ער גארנישט פארשטאנען פון לערנען ווייל ער האט קיינמאל נישט געלערנט קיין תורה. מיט זיין ביטער הארץ האט ער זיך דערנענטערט צום ארון הקודש און אויסגעגאסן זיין הארץ צום באשעפער. ער האט געוויינט ביטער און געבעטן פארוואס ער איז נישט זוכה צו די ליכטיגקייט פון די תורה? איז ער צוגעגאנגען צום ספרים שאפע און ארויס גענומען די ערשטע גמרא, און אנגעהויבן צו זאגן די עברי, אפילו ער האט גארנישט פארשטאנען וואס ער האט געזאגט. ער האט פארגעזעצט נאך און נאך ביז לאנגזאם האט ער שוין אנגעהויבן צו פארשטיין דאס לערנען.

אצינד קוקט נאר צו - האט דער מיטעלער בעלזער רב זי"ע געענדיגט זיין מעשה - ווי גרויס און ווי טייער עס איז התמדה אין לערנען, אז אויף מיין טיש ליגט א ספר וואס יענער איד האט מחבר געווען!!

### אלע נשמות פון די אידן זענען געווען ביי מתן תורה

עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים, אז נישט נאר די יודן וואס האבן דעמאלטס געלעבט זענען געווען ביי מתן תורה, נאר אויך אלע נשמות פון אלע יודן וואס וועלן געבוירן ווערן אין אלע דורות, זענען אויך דארט געווען.

דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זי"ע פלעגט זאגען אז נישט נאר געדענקט ער פונקטליך דעם מעמד פון קבלת התורה, נאר ער געדענקט אויך לעבן וועמען ער איז דעמאלטס געשטאנען.

### די תלמידים האבן געמוזט געדענקן דעם מעמד פון קבלת התורה

דער הייליגער רבי ר׳ בער דער מגיד פון מעזריטש זי"ע, ווען ער איז געווען א יונגערמאן נאך זיין חתונה איז ער געווען א מלמד פון קליינע קינדער, און ווען עס איז געקומען א נייע יונגעל לערנען "אלף בית", האט ער צום ערשט געפרעגט צו ער געדענקט נאך דעם מעמד פון קבלת התורה, און בשעת'ן פרעגן האט ער זיך פארטיפט אין דעם קינד'ס נשמה און אויפגעמישט זיינע געדאנקען, ביז דאס קינד האט זיך טאקע דערמאנט אין דעם געוואלדיגן מעמד, אבער טאמער דאס קינד האט זיך נישט געקענט דערמאנען פון דעם, האט רבי ר׳ בער זי"ע נישט געוואלט אננעמען דער קינד אלץ תלמיד.

# טעמים לאמירת מגילת רות

### וְנוֹהֲגִין לוֹמַר רוּת בַּשָּׁבוּעוֹת

(רמ"א ס' ת"צ בשם האבודרהם)

**דעם צווייטן טאג יום טוב לייענט מען מגילת רות, מיר האבן דא צוזאמגענומען דערויף עטליכע טעמים און ענינים.**

א) דער **מגן אברהם** ברענגט אין נאמען פון יַלְקוּט א טעם, כדי מען זאל זיך אפלערנען פון רות, אז אויב מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארף מען זיין צופרידן מיט ווייניג, און פארקוקן אויף **תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה**.

ב) אין **בנין אריאל** שטייט, אז שמואל הנביא האט אפגעשריבען רות כדי אויסצורעכענען די יחוס פון דוד המלך, אזוי ווי די גמרא זאגט: "**מַאי רוּת? אָמַר ר' יוֹחָנָן שֶׁזָּכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה דָּוִד שֶׁרִיוָּהוּ לְהקב"ה בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת**". און אין ירושלמי שטייט אז דוד המלך איז נפטר געווארען אין שבועות, און די גמרא זאגט אז "**הקב"ה ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום** - דער אויבערשטער טוט פארענדיגען די יארען פון די צדיקים", קומט אויס לויט דעם אז דוד המלך איז אויך געבוירען געווארען אין שבועות, דערפאר לכבוד זיין געבורט'ס טאג רעכענען מיר אויס זיין יחוס. (דער שערי תשובה ברענגט אויך דער טעם).

ג) מ'וויל וויזן אינעם טאג פון מתן תורה אז א מענטש קען נאר זוכה זיין צו די תורה דורך יסורים, אזוי ווי רות האט מיטגעמאכט ביז ווי לאנג זי איז געווארען א איד.

**מדרש זוטא רות**

ד) שבועות ווען מיר האבן מקבל געווען די תורה, זענען מיר דאך אלע געווען גרים, וועגן דעם לערנט מען די מעשה פון גרים.

ה) די אידן האבן מקבל געווען ביי מתן תורה 606 מצוות כמנין **רות**, (ווייל 7 מצוות פון שבע מצוות בני נח האבן זיי שוין געהאט נאך פון פאר מתן תורה) דערפאר לייענט מען רו"ת לזכר זה. **ברכי יוסף – תשואת חן**

ה) אין **רוקח** שטייט א טעם ווייל אין פרשת אמור שטייט די פרשה פון יו"ט שבועות, און ביי די פרשה שטייט אין פסוק "**וּבְקֻצְרְכֶם אֶת קְצִיר אַרְצְכֶם לֶעָנִי וְלַגֵּר תַּעֲזֹב אֹתָם**", דער טעם פארוואס ס'שטייט דארט די מצוה, איז ווייל די תורה וויל וויזן מיט דעם אז צום לערנען פעלט אויס זייער וויכטיג צו טוהן חסד, און דערפאר לייענט מען רות אין שבועות ווייל דארט זעהן מיר אויך אז בועז האט געגעבן פאר רות פון די תבואה וואס ער האט געשניטען, און ער האט געטוהן מיט איר חסד, און מיר געפונען טאקע אז אין רות איז דא 85 פסוקים כמנין בוע"ז.

ו) א ענליכע טעם שטייט אין ספר **ראשי בשמים** אז די חז"ל האבן אונז געוואלט אויסלערנען די מדה פון חסד, וואס דאס זעהן מיר פון די מעשה פון רות, ווייל אז מ'איז מקבל די תורה מוז מען אויך האבן די מדה פון חסד, ווי די גמרא זאגט אין יבמות, ווען איינער זאגט איך וויל נישט מדות נאר תורה, דער האט די תורה אויך נישט, דארף מען אין די טאג פון קבלת התורה מקבל זיין אויף זיך די מדת החסד.

ז) אין **חידושי הרי"ם** שטייט אז דערפאר לייענט מען רות, ווייל צוליב רות איז באנייט געווארען א הלכה ביי אידן אז דעם וואס שטייט אין די תורה אז מ'טאר נישט חתונה האבן מיט א עמוני, מיינט נאר א עמוני א זכר אבער מיט א עמונית א נקיבה מעג מען יא, און אזוי האט מען געמעגט חתונה האבן מיט איר, קומט אויס אז דאס איז ווי א נייע קבלת התורה, אז די חכמים האבן די כח צו צילייגען הלכות צו די תורה, דערפאר לייענט מען עס טאקע אין דעם טאג פון קבלת התורה.

ח) א ענליכע טעם שטייט, ווייל ס'איז געווען צייטן, וואס איז געווען פארשידענע גרופעס וואס פלעגן נאר גלייבן אין תורה שבכתב, און נישט אין תורה שבעל פה וואס די חכמים האבן צוגעלייגט, דערפאר לייענען מיר רות, וואס וועגן איר האבן די חכמים צוגעלייגט די הלכה פון "**עמוני ולא עמונית**", צו וויזן אינעם טאג פון קבלת התורה, אז ס'קען נישט גיין תורה שבכתב אן די תורה שבעל פה.

ט) אין **אוצר המנהגים** שטייט אז דער טעם איז ווייל מ'וויל לערנען אין טאג פון קבלת התורה אלע דריי זאכן **ת**'ורה **נ**'ביאים **כ**'תובים, תורה לייענט מען דאך, און נביאים איז די הפטורה וואס מ'זאגט, און דערנאך זאגט מען רות וואס איז פון די כתובים, און פארוואס עפעס האט מען אויסגעוועלט פון אלע כתובים דוקא רות? ווייל רות איז די ערשטע פון אלע כתובים.

י) אין **אבודרהם** שטייט אז די גמרא זאגט אז ביי מתן תורה האבן זיך די אידן געדארפט טובל'ן און מאכן א ברית אזוי ווי איינער וואס איז זיך מגייר, דערפאר לייענען מיר רות אין שבועות ווייל אויך זי האט זיך מגייר געווען.

# פיוט פון כיבוד אב ואם

**הקדמה:** אזוי ווי אין די עשרת הדברות שטייט די מורא׳דיגע מצוה פון "כיבוד אב ואם" וואס איז זייער וויכטיג פאר קינדער כסדר מעורר צו זיין אין דעם ענין, ווען מיר אראפברענגען דעם פיוט וואס מ׳זאגט דעם צווייטען טאג שבועות, געטייטש אין אידיש, וואס דאס וועט בעזהי״ת מעורר זיין די קינדער צו די געוואלדיגע מצווה, ווייל מיר ווייסען אז די אלע זאכן זענען געשריבען געווארען מיט רוח הקודש.

**אוֹמֶן וּמֵינֶקֶת** דיין טאטע און דיין מאמע **בְּךָ מִתְעַסְּקִים** טוען זיך מיט דיר באשעפטיגען **בְּשֶׁלָּךְ** וועגן דיר - מיין קינד **תְּחִלָּה** פון אנהייב **כְּאֵזוֹר דְּבֵקִים** האבן זיי חתונה צו האבן קינדער **גְּעַיַּת שַׁוַּע** געשרייען פון געבעט **וְתַחַן** און תחנונים **מְפִיקִים** טוען זיי ארויס ציען פון זייער מויל **דּוֹרְשִׁים לְצוּרָם** זיי בעטען פון זייער באשעפער **הֱיוֹת בֵּן חוֹבְקִים** אז זיי זאלען האבן א ערליכע קינד **הוּשְׁתָּפוּ שְׁנֵיהֶם** ביידע - טאטע און מאמע ווערן שותפים **עִמּוֹ עֲסוּקִים** און זיי טוען זיך באשעפטיגען מיט׳ן קינד **וְנוֹצַרְתָּ וְנוֹלַדְתָּ** און דו ביסט געבוירען געווארען **לְעִיתֵּי חוּקִים** צו די באשטימטע צייט וואס איז געווען באשערט **זִכּוּךָ וְהֶבִיאוּךָ** זיי האבן דיך מזכה געווען, און דיך אריינגעברענגט **בִּבְרִית לְהָקִים** אין דעם ברית מילה **חִבְּקוּךָ בִּרְכַּיִם** זיי האבן דיך געהאלטן אינעם שויס, **וְשָׁדַיִם מֵנִיקִים** און געגעבען צו עסן קליינערהייט **טֶרֶף חוּקֶּיךָ** דיינע באשטימטע שפייז **זָנִים וּמַשְׁקִים** האבן זיי דיר געשפייזט, און געגעבן צו טרינקען **יְגִיעַת עֲמָלָם** זייער מי און פלאג **עִמְּךָ מְחַלְּקִים** טוען זיי מיט דיר זיך צוטיילן **כּוֹשֶׁר וּמוּסָר** מיט רעכטפארטיגע און מוסר׳דיגע רייד **מְחַנְּכִים וּמְחַזְּקִים** טוען זיי דיך מחנך זיין און שטארקן **לְשׁוֹן לִימּוּדִים** זיי לערנען דיך אויס די ריכטיגע שפראך **וּדְבָרִים עֲתִיקִים** זאלסט קענען לערנען די רייד פון די תורה **מְתַקְּנִים לְךָ עֵזֶר** זיי טוען דער שפעטער פארשאפן א פרוי **וּלְהַשִּׂיאֲךָ זוֹקְקִים** און זיי טוען דיך חתונה מאכן **נוֹשְׂאִים פֶּלֶל עֲבוּרְךָ** זיי טוען בעטען תפלות פאר דיר **וְלָקֵל זוֹעֲקִים** און צום באשעפער טוען זיי שרייען **סָמְכֵם בְּמַאֲכָל** טוה זיי העלפען מיט׳ן געבען צו עסן **וּבְמִשְׁתֶּה וּבְתַפְנוּקִים** און געטראנקען, און זיסע זאכן **עָנְדֵם בִּכְסוּת נְקִיָּה** טו זיי באצירען מיט א זויבערע קליידונג **בַּחֲשׁוּקִים** אז זיי זאלען זיך מיט דעם ארומגארטלען **פְּנֵה לְגַעֲרָתָם** הער צו זייער געשריי, און מוסר רייד **לְבַל יְהוּ מְצוּקִים** אז זיי זאלען ח״ו נישט האבן קיין צער פון דיר **צְפֵה לְמוּסָרָם** קוק דיך אום אויף זייער מוסר רייד **וְלֹא תְרַדֵּף רֵקִים** און לויף נישט נאך ליידיגע יונגען ח״ו **קַיֵּים כִּיבוּדָם וּמוֹרָאָם** זיי מקיים מצות כיבוד ומורא אב ואם, **כְּחֻקִּים** אזוי ווי די מצוה פון די תורה איז **רְבוֹת אוֹרֶךְ יָמִים** די מצוה פארלענגערט דיינע טעג **וּמְעוֹן מְנוּקִים** און אזוי וועסטו זיין ריין פון עבירות **שָׂם לִכְבוֹדוֹ** דער אויבערשטער האט צוגעגליכענט זייער כבוד צו זיינ׳ס **וּלְמוֹרָאוֹ גוֹזֵר וּמְקַיֵּים** און צו די מורא פון אויבערשטען וואס איז גוזר ומקיים **תַּחַת כֵּן** וועגן די מצוה פון כיבוד אב **יְהוֹדוּהוּ מַלְכֵי אֲרָקִים** האבן אלע אומות העולם מודה געווען צום אויבערשטען ביי מתן תורה (קידושין ל״א).